STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
NO. 02215

HUMANIZM

Nahum Stiff

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS

0-657-02215-2

9780657022150T.PS

THE STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY PROVIDES
ON-DEMAND REPRINTS OF MODERN YIDDISH LITERATURE

ORDERS MAY BE PLACED BY PHONE AT (413) 256-4900 X155; BY FAX AT
(413) 256-4700; BY E-MAIL AT ORDERS@BIKHER.ORG; OR BY MAIL AT
NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER, 1021 WEST STREET,
AMHERST, MA 01002-3375 U.S.A.

©1999 NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER

•

MAJOR FUNDING FOR THE
STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
WAS PROVIDED BY:
Lloyd E. Cotsen Trust
Arie & Ida Crown Memorial
The Seymour Grubman Family
David and Barbara B. Hirschhorn Foundation
Max Palevsky
Robert Price
Righteous Persons Foundation
Lief D. Rosenblatt
Sarah and Ben Torchinsky
Harry and Jeanette Weinberg Foundation
AND MEMBERS AND FRIENDS OF THE
National Yiddish Book Center

•

The *goldene pave*, or golden peacock, is a traditional symbol of Yiddish creativity. The inspiration for our colophon comes from a design by the noted artist Yechiel Hadani of Jerusalem, Israel.

BOOK DESIGN BY PAUL BACON

PRINTED IN THE U.S.A. ON ACID-FREE PAPER

כּלל-ביבליאָטעק

בעל-דמיון

הומאַניזם

אין דער

עלטערער יידישער ליטעראַטור

א קאַפּיטל ליטעראַטור-געשיכטע

צווייטע אויפלאַגע

כּלל-פאַרלאַג

בערלין, 1922-תרפ"ב

KLAL-VERLAG / BERLIN SW 68 / MARKRAFENSTR. 73

Copyright by Klal-Verlag, Berlin, 1922.

Klal-Druckerei, Berlin.

I

די עלטערע יידישע ליטעראַטור

וואָס איז די אידייע, דער פירנדיגער געדאַנק אין אונזער עלטערער ליטעראַטור? און צי איז פאַראַן אַזאַ אידייע? צי דאַרפן מיר אַוודאי זוכן אין דעם בינטל דערציילונגען, דראַמעס, סאַטירעס, לידער און שריפטן, וואָס זיינען אונז געבליבן פון יענער צייט? זוכן דאַרף מען דאָס געוויס! אַנדערש האָבן מיר פאַר זיך שריפטן און מחברים, אָבער ניט קיין ליטעראַטור, ציגל און ליים, ניט קיין בנין. באַ אונז מעסט מען איצט ליטעראַטור נאָר מיט דער עסטעטישער מאָס, און פון דעם קוק קרימט מען זיך אָפּט, ווען מ׳דערמאָנט די עלטערע יידישע ליטעראַטור. מ׳פאַרגעסט, אַז עסטעטיזם איז נאָר איינע פון די מעטאָדעם, ווי אַזוי מ׳קאָן צוגיין צו ליטעראַטור, ניט אָבער די איינציגע מעטאָדע. אַ ליטעראַטור פון אַ גאַנץ פאָלק האָט זיך אַן אינהאַלט אויך, אַ פּאַטאָס; זי טיילט זיך ניט אָפּ נאָר און גאָר פון דעם פאָלקס לעבנסוועג, פון זיין חלום און וואָר. פאַרקערט, זי פאַרטיפט דאָס, זי זעהט און צילט ווייטער פאַר דער פובליציסטיק, פאַר פּאָליטיק, און הויבט אַרויס פון דעם שטראָם לעבנסשטייגער דאָס דויערנדיגע און דאָס וואָגיגע. אַ ליטעראַטור בכלל גענומען, אין איר

גאַנצן פאַרנעם, אָפּגעזעהן פון פּרטים, — דאָס איז אַ געוויסע אַרט גייסטיגע ג ע ז ע צ מ ע ס י ג ק י י ט; יערע תּקופה האָט זיך איר געזעץ, געבונדן מיט דעם פאָלקס קולטור־געשיכטע, מיט דעם גאַנצן פאָלקסלעבן. די דאָזיגע געזעצמעסיגקייט, וואָס שטעמפּלט אָפּ אינהאַלט און פאָרם, סיוזשעט און שפּראַך, זוכט מען אויפצודעקן, ווען מ'רעדט פון דער אידייע פון אַ ליטעראַטור אין אַ געוויסער תּקופה. די יידישע ליטעראַטור בכלל, און די עלטערע בפּרט, איז אין דעם זינען קיין אויסנעם ניט.

די אידייע פון דער עלטערער יידישער ליטעראַטור — דאָס איז אַ פּראָבלעם פון יידישער ליטעראַטור־געשיכטע צו יעדער צייט. אַ באַזונדער אינטערעס איז דאָס פאַר אונזער דור. וואָרום מיר דאַרפן זיך זאָגן אָפן: די לעצטע צייט באַמערקט זיך צווישן אונזערע יונגע אַ מין ווידערווילן קעגן דער עלטערער יידישער ליטעראַטור. דער אומחן האָט ביז איצט קיין קלאָרן אויסטייטש ניט געפונען. דאָס זאָל הייסן אַזוי גוט, ווי: די עלטערע יידישע ליטעראַטור איז שטאַרק פאַרעלטערט, דערהויפּט אָבער איז זי י י ד י ש ל י ך דורך און דורך, זי האַלט אונז געשמידט מיט אַ פרומפאַרצייטיגער, קליינשטעטלדיגער שפּינוועבס־וועלט, וואָס האָט געשטיקט און געוואָרגן דורות ביז אונז, און מיר אַליין רייסן זיך נאָך אויך פון איר מיט אַלע כּוחות. נאָך מער: זי איז שוין געוואָרן אַ שטער, אַ מניעה פאַר דער ווייטערדיגער אַנטוויקלונג פון יידישער ליטעראַטור, זי שטייט אונז שוין אין וועג: צו שטאַרק איז דער אַווטאָריטעט פון די גדולים, מ'זאָל זיי קאָנען גלאַט אַוועקשטעלן אָן אַ זייט, צו יאָכיג, הייסט דאָס, איז די טראַדיציע, און צו וויניג קאָנען מיר פון איר געניסן, ווער

שמועסט שוין אָפּלערנען; צו קנאַפּ קאָן זי רינען, אַ וועג ווייזן אַ דור, וואָס שטרעבּט צום אינדיווידועלן און מענשליכן אין קונסט און אין לעבּן. וואָס ווייטער און פרעמדער מיר ווערן צו דער דאָזיגער עלטערער ליטעראַטור, וואָס וויניגער מ'שטודירט זי און מ'קען זי, אַלץ מער דער אומחן, דער בּטול. איז שוין געווים צייט אויפצורעקן דעם עצם, דעם בּרען פון דער דאָזיגער ליטעראַטור, מ'זאָל זיך קלאָר מאַכן, וואָס פאַר אַ ווערט זי האָט נאָך פאַר אונזער צייט. אַ זאַך, וואָס מיר האָבּן זיך דערצו צוגעוויינט, וואָס קלינגט שוין ווי אַ סקאַרבּאָווער נוסח אין אַ הייזעריג שפּילקעסטל, קאָן מיט אַמאָל בּאַקומען אַן אַנדער אויסזעהן: מיט אַמאָל גיט אונז אַ בּליץ, מיר דערזעהען די אַלטע גוט־בּאַקאַנטע זאַך פון אַ נייער אומגעריכטער זייט, ס'פאַלן אַראָפּ די פאַרדריסליכע פּרטים, וואָס אָפּט פאַרשטעלן זיי מער, איידער זיי אַנטפּלעקן, און מיר דערזעהען פאַר זיך עפּעס נייס און וויכטיגס, אַזוי ווי דער נגון, וואָס האָט בּאַקומען אַ תּקון פונם גלגול.

נאָר פריהער וועגן בּאַגריף פון דער עלטערער יידישער ליטעראַטור. תּקופות אין אַ ליטעראַטור קאָן מען בּאַצייכענען מיט כראָנאָלאָגישע דאַטעס, אייגענע, אָדער גענומען פון דעם פאָלקס גאָרער געשיכטע, מיט ליטעראַרישע נעמען אָנהויבּ און סוף תּקופה און דאָס גלייכן. איך וויל דאָ אָנווענדן אַן אַנדער מעטאָדע, וואָס זי איז מער אָנגעמאָסטן, ווי מיר שיינט, צו דער געשיכטע, צו דעם גורל פון אונזער ליטעראַטור. די עלטערע יידישע ליטעראַטור הויבּט זיך אָן, ווען אַ יידיש בּיכל נעמט זיך אָפּשיידן פונם ספר, פון פרומקייט און יידישקייט, אָדער פון דער נאַאיווער פאָלקספאַנטאַזיע, ווען

דאָס בּיכל ווערט אַ וועלטליכע זאַך מיט אַ וואָכעדיגן אינהאַלט און מיט אַ מאָדערנער פאָרם (נאָוועלע, דראַמע א. אַז. וו.). זי לאָזט זיך אויס דאָרט, וואו ס'הויבּט זיך אָן די נייע יידישע ליטעראַטור, ד. ה. די ליטעראַטור, וואָס האָט זיך זעלבּסדערקענט אַלס אַ צוועק פאַר זיך, וואָס זוכט אין זיך אַליין צו געפינען דעם אָנהויבּ און דעם סוף, דעם ציל און דעם וועג. כראָנאָלאָגיש און אין פּערזענליכקייטן, וואָלט דאָס געהייסן, באַנעמט די עלטערע יידישע ליטעראַטור אַ צייט פון אָנהויבּ השׂכּלה־באַוועגונג אין רוסלאַנד בּיז דער נייער קריטישער תּקופה די 80־ער יאָרן, פון יצחק בּער לעווינזאָן בּיז פּרצן, אָדער ריכטיגער, בּיז פּרצס חדר. מ'דאַרף דאָ אָבּער ניט אַזוי שטריינג באַשטיין אויף דאַטעס, וואָרום פיל מער האַנדלט זיך דאָ פון באַנעמען ליטעראַטור, פון צוועקן און וועגן, סיי אין דעם שרייבּערס, סיי אין דעם עולמס אויגן, איידער, אייגנטליך, פון כראָנאָלאָגיע, און פאַרפריהט און פאַרשפּעטיגט טרעפט איר דאָ אָפט.

אין אַזאַ דעפיניציע שטעקט שוין אַן אָנווייז אויף דעם מהות פון דער עלטערער יידישער ליטעראַטור, אַ רמז אויף דער אידייע אירער. די אַלטע יידישע ליטעראַטור (16־טן — 18־טן יאָרהונדערטן) איז נאָך ניט קיין ליטעראַטור אין דעם היינטיגן זינען פון וואָרט.

דער מחבּר און דער לייענער (ריכטיגער: דער אַריינקוקער) זיינען איינס, צווישן זיי איז קיין שום מחיצה ניט פאַראַן. בּיידע זיינען פאַרוועבט אין דער עדה, וואָס פון קיין קונסט, פון קיין ליטעראַטור פאַר זיך ווייסט זי ניט צו זאָגן און פאַרשטייט ניט צו שעצן. זי קאָן האָבּן אַ גע־פיל פאַר הייליגקייט און דערהויבּנקייט, ניט אָבּער פאַר

פערזענליכקייט. ביידע זיינען גלייך באַגייסטערט אָדער גערירט פון אַלצאיינע ווייטע צוועקן און נאָהענטע וועגן; ביידע פאַרמאָגן די זעלבע באַגריפן וועגן וועלט און גאָט, ייד און מענש, די זעלבע פאַנטאַזיע און די זעלבע השגות, גענומען באַ דער ערד. דער אונטערשייד איז נאָר אין תורה, וואויל־קענעוודיגקייט און שרייבערישן טאַלענט. דעם לייענער גייט אָן דער ספר, ניט דער מחבר; דעם לעצטן קען ער מיינסטנס ניט אַפילו באַם נאָמען. דער מחבר ווערט פאַרגעסן, אָפט אַפילו ניט באַמערקט, און באַם עולם בלייבט ניט מער, ווי דער ספר. דער ספר איז דאָ ניט אַ בייזאַך, נאָר אַ שטיק שטענדיגער גייסטיגער לעבנסשטייגער: ס'איז פאַראַן די שבתדיגע קאַפּאָטע, די הויב און צירונג פאַרן זינדיגן אויג און דער „צאינה וראנה“, דער „קב־הישר“ אָדער דער „מעשה־בוך“ פאַר דער נשמה.

פונקט דער היפוך איז די נייע יידישע ליטעראַטור, וואָס גייט שוין אויפן וועג פון אַלע ליטעראַטורן באַ מאָדערנע קולטור־פעלקער. דאָ איז שוין ליטעראַטור אַ זאַך פאַר זיך, אַ מחיצה צווישן שרייבער און לייענער. דער שרייבער שרייבט פאַר זיך, ניט פאַר קיינעם, אין זיך אַליין זוכט ער דעם העכסטן געזעץ פון זיין שאַפן. דער שרייבער און דער לייענער זיינען איזאָלירט, אַזוי ווי דער אַרטיסט פון דעם עולם צושויער. פאַר ביידע איז שוין ליטעראַטור אַ באַזונדער קאַטעגאָריע, וואָס האָט איר צוועק און פאַרענטפערונג אין זיך אַליין, מ'זוכט שוין דאָ ניט קיין זייטיגע צוועקן. ס'איז פאַראַן לעבנסשטייגער, וואָס האָט זיך זיינע צוועקן און וועגן, און ס'איז פאַראַן ליטעראַטור, וואָס האָט זיך איר געזעץ, איר אייגענעם לעבנסוועג — צוויי באַזונדערע וועלטן. ליטעראַטור ווערט דאָ אַבסטראַגירט פונם

לעבן, און מיר לייענען אַ בוך אַזוי, ווי מיר זעהען צו זוך־אויפגאַנג און שטערן־שימער.

די עלטערע יידישע ליטעראַטור שטייט אין דער מיט צווישן די ראָזינע צוויי אַרטן ליטעראַטור־באַגעמען. דער שרייבער האָט זיך שוין אָפגעטיילט פונם לייענער, ער לעבט שוין מיט אַן אייגענער וועלט אידייען און בילדער, דער לייענער ווייסט דאָס שוין, גיכער פילט ער דאָס. אפשר איז געבליבן באַם לייענער אין זכרון דער נאָמען „דאָס פוילישע יונגעל״, נאָר ער ווייסט שוין, אַז דאָס האָט געמאַכט אַ „שלאַק״ אָדער אַ פאָלקספריינט, לינעצקי, און ער הויבט דאָס שוין אָן אָפטיילן פון זיך. דער שרייבער האָט נאָך אָבער קיין קלאָרן באַגריף ניט, אַז דאָס איז ליטע־ראַטור, אַ זאַך פאַר זיך, קיין זיכערקייט דרין האָט ער געוויס ניט.

„זיי (קריסטן) פון אַ דיכטער
ווייסען דעם ווערט, דעם צוועק —
ביי אונז הייסט ער
אליקום ברחן און אַנ׳עק״[1].

דער עלטערער יידישער שרייבער איז ניט קיין ליטע־ראַטור־פראָפעסיאָנאַל, ווי מיר זעהען דאָס איצט. בעצם איז ער אַ מלמד, אַ לערער, אַן איידעם, אַ נאמן באַ אַ גביר, זעלטע־נער אַ געשעפטמענש, און דינט איבער אַלע יידישע עבודה־זרהס פאַר ברויט, מיט מעקלעריי, שדכנות, מיט דעם גאַרן יידישן שטייגער. אין בעסטן פאַל עפנט אים דאָס ספרל אונטערן אָרעם אַ טיר אין גביריש־משכילישן פאָרצימער. זיך

[1]) א. צ. צווייפעל: „די קליינע וועלט, אדער אהער און אהין״ אין שלום-עליכמס „יודישע פאָלקס-ביבליאָטעק״. I. ב., קיעוו, תרמ״ח.׳ ז. 58.

האַלט ער פֿאַר אַ פֿאָלקס־טריבֿון, פֿאַר אַ װעגװײזער. מעג ער אין זײן טיפֿן װעזן געטריבֿן װערן צו דער פֿען פֿון דער שאַפֿונגס־לוסט, פֿון דעם אינעװײניגסטן ברען, זיך אַלײן קלאָר מאַכן אין בילדער און געדאַנקען, װאָס אינעװײניג ברױזט און גליהט: „מיר (יונגע שרײבערליך), דערצײלט לינעצקי, זײנען געװען דיא נאַטירליכע האָנען, װאָס קרײען נאָר דערפֿאַר, װאָס מע בריהט זײ אונטער דיא פֿליגעל“[2]. אָבער אין קאָפּ באַ זיך זוכט ער אַ תּירוץ, אַ פֿאַרענטפֿער פֿאַר זײן שרײבן. אױפֿן שרײבן קוקט ער אַזױ װי אױף אַ פֿאָלקס־אַרבעט, אַ מין שליחות: די ליטעראַטור זאָל דאָס זײן די טריבֿון. װאָרום ליטעראַטור, ד. ה. אַן אָנשטעל, אַ שפּיל אױף ײדיש קלינגט עפּעס מאָדנע־פֿרעמד. און ניט דערפֿאַר, װאָס ליטעראַטור־תּאװה איז אים פֿרעמד בכלל, נאָר װאָס אױף ײדיש. ליטעראַטור, פּאָעזיע אָדער מליצה — דאָס איז פֿאַר העברעאיש, דאָ איז דאָס װי אָנגעמאָסטן. דער זעלבער יצחק בער לעװינזאָן, דער ראַציאָנאַליסט, דער װאָלקענער, און גאָטלאָבער און אַנדערע האָבן געשריבן שירים און חרוזת און מכתמים אױף לשון־קודש און האָבן זיך גאָר ניט געפֿרעגט צו װאָס. װאָרום העברעאיש איז שױן געװען ליטעראַטור, האָט שױן געהאַט אַ קרײז לײענער, זאָל זײן זעהר אַ קלײנעם, װאָס האָט שױן געשעצט פּאָעזיע, מליצה, פֿאָרם פֿאַר זיך. אָבער ליטעראַטור אױף ײדיש, אױף אַ װאָכעדיגער שפּראַך פֿאַר אַ ניכטערן עולם — װער האָט דאָס געקאָנט באַנעמען יענע צײט? דער עולם לײענער געװיס ניט! אַ ײד האָט נאָך אפשר געקאָנט אַרײנקוקן, חוץ אין אַ חומש, אין אַ משניות, נאָך אין אַ „שבֿט־מוסר“, אין אַ יוסיפֿון און אין אַ מעשה־ביכל אױך, אָבער דאָס

[2]) י. י. לינעצקי: „צוריק פֿונם יאַריד“, אָדעסאַ, 1911.

האָט ניט געטאָרט צו ווייט פאַרגיין פונם ספר, דאָס האָט אויך באַראַפּט עפּעס באַלערנען, האָבן אין זיך אַ מוסר־השכל. בכן זאָל שרייבן אויף יידיש זיין ניט קיין ליטעראַטור, ר. ה. ניט קיין צוועק פאַר זיך, נאָר אַ מיטל, אַ וועג צו אַנדערע צוועקן.

„אין די פשוט־אַנטפלעקטע זאַכען“, מיינט מענדעלי, זאָלן „ליגען פאַרבאָרגענע סודות און שאַרפע אָנצוהער־רעגישען“[3]). און אַזוי האָבן דאָס פאַרשטאַנען אַלע עלטערע יידישע שרייבער: „אַ קאַרטינקע, זאָגט מענדעלי, בעדאַרף חוץ שיינע מליצה, אויך מיך לאָזען עפּיס הערען“[4]). א. צ. צווייפעל איז זיכער, אַז „יעדער מחבר איז אַ ביסעל אַ רב, אַ ביסעל אַ פאָטער; פון מאָראַל, פון שטראָפען איז ער קיין מאָל ניט פּטור“[5]).

אייזיק מאיר דיק האָט ניט סתּם געשריבן זיין „חייציקל אַליין“, אונזער „גיעראָראָסל“, נאָר מיט דעם צוועק: „אום צו ווייזען דיר, מיינע טייערע לעזערין, ווי וויכטיג און וואָר זיינען די רייד פון דעם אַלטען שפּריכוואָרט: עס איז דיא גרעסטע קונץ צו זיין פאָטער און מוטער, דאָס הייסט, קינדער צו ערציהען“[6]). און די אַרויסגעבער פון אַקסענ־פעלדס כתבים זאָגן אַזאַ שבח אויפן מחבר: „באַזונדערס פעררדיענט דער מחבר געלויבט צו ווערען פאַר דער גוטער

---

[3]) הקדמה צו מענדעלים „ווינשפינגעריל“ אין „פאָלקס-ביבליאָטעק“ I., ז. 9.

[4]) פון מענדעלים אַ בריוו צו שלום-עליכמען, הקדמה צו „סטעמפּעניו“, דאָרט, VIII.

[5]) „די קליינע וועלט“, אין „פאָלקס-ביבליאָטעק“, ז. 61.

[6]) א. מ. דיק. „חייציקל אַליין“, ווילנע, תרמ״ז (איבערגעדרוקט פון דער ערשטער אויסגאַבע, וואַרשע, 1864), הקדמה.

כּוונה און פאַר דעם ערלען צוועק, וואָס זעהען זיך אַרויס אין אַלע שריפטען: ער האָט זיך קיינמאָל ניט געראָרעוועט צו בעדשרייבען אויסגעטראַכטע בּבא־מעשיות, וואָס האָבען זיך קיינמאָל ניט געטראָפען"[7]). אַקסענפעלד וואָלט געוויס געווען גערירט פון אַזאַ שבח, וואָרום אַזוי האָט ער דאָס טאַקע געמיינט, און אַזוי האָבן אַלע געמיינט, זיין דור און זייערע נאָכקומער. בּיישפּילן דערצו וואָלט מען געקאָנט בריינגען איבערגענוג.

בּכן האָבּן מיר פאַר זיך אַ צוועק־ליטעראַטור. און דאָ נעבּן דער עסטעטישער שוואַכקייט, אַנטפּלעקט זיך ערשט די אמתע גרויסקייט פון דער דאָזיגער ליטעראַטור. וואָרום גרויס איז געווען דער צוועק, און ערליך, מיט טאַלענט און בּאַגייסטערונג איז דעם צוועק געדינט געוואָרן.

י. י. לינעצקי זאָגט אויף זיך און אויף זיינגלייכן. „אין די 60—70־ער יאָהרען, ווען עס האָט בּיי אונז יורען אויך אויפגעפלאַקערט דער פערצווייפעלטער קולטור־קאַמפּף, האָבּען מיר, יונגע שרייבּערליך, מיר, קרבּנות פאַרן טובת־הכלל, נאָר איין עובדא געהאַט, צו שרייבּען פון די צוויי מינים „יזם'ען": פאַנאַטיזם און ליבּעראַליזם... אין די 60—70־ער יאָהרען, בּימי דאָס ‚פּוילישע יונגעל', האָט דעם יורען צו ‚יור', געפעהלט ‚מענש'". אויף זיין שרייבּן זאָגט ער: „מיין שרייבּען איז תּמיד בּעשטאַנען אין קרייען, האַווקען און בּיללען אויף די פּריווילעגירטע פאָלקס־גנבים, בּעל־טובהניקעס, רעדעל־פיהרער, קאָך־לעפעל אונד קהל־פרעסער"[8]).

---

[7]) הקדמה צו אַקסענפעלדס „דער אוצר אָדער די גינאַרטע וועלט", אָדעס, 1870.

[8]) „פונם יאַריד", אָדעסאַ, 1909—3, 13.

דאָ איז אין ליגעקים איינגאַרטיגער שפּראַך געגעבן אַ גאַנץ פּראָגראַם, וואָס איז אַזוי גוט ווי אָנגעמאָסטן פֿאַר דער גאַרער עלטערער ליטעראַטור און שטעמפּלט אָפּ דעם צוועק, דעם וועג, די פֿאָרם פֿון יענער ליטעראַטור: מ ע נ ש, ק ו ל ט ו ר ־ ק א מ ף און „ק ר י ט י ק ־ פּ ו ב ל י צ י ס ט י ק“, ווי ער רופט דאָס „בילן“ מיט אַנדערע ווערטער.

וואָרום אין מ ע נ ש און מ ע נ ש ל י כ ק י י ט איז דאָס געגאַנגען דער עלטערער יידישער ליטעראַטור, ניט אין אַ גימנאַזיסטן־מונדיר, און אַוודאַי ניט אין צוגעפּוצט בערדל און אין געוועקסלטע שיך, ווי מ'האָט זיך געמיהט אונז איינרעדן די לעצטע צייט מיט אַ בטול פֿון עכטע אייראָפּייער צו קליינשטעטלדיגע השגות. ס'איז טיף ריכטיג, ווי אין אַ פֿינסטערער צייט פֿון פֿאָלקס־פֿאַנאַטיזם, חסידישע תּקיפות, קהלשע רציחות, הונגער־גויט און ווילדער בטלנות האָבן זיך געפֿונען שרייבער, מייסטנס איזאָלירט פֿון דער גרויסער וועלט, וואָס האָבן זיך אָפּגעטרייסלט גאָר און גאָר פֿון דער היימישער קאַלוזשע, וואָס האָבן פֿאַרהאַסט דעם יידישליכן שטייגער, האָבן אויסגעווייטאָגט אין האַרצן אַן אידעאַל פֿון מענש און מענשליכקייט און האָבן געפֿונען מוט בּאַ זיך דאָס אָפּן אַרויסצוברייינגען. ניט קיין קריטיק פֿון זייטיגע צוזעהער אין דאָס געווען, נאָר אַ פֿאַרצווייפֿלטער קריג, אַ דינאַמיט־אַרבעט פֿון אינעווייניגסטע שונאים, וואָס האָבן זיך גענומען באַהאַרצט און איינשטעלעריש, ווייטזעהענדיג און פּונקט־צילנדיג, אונטעררייסן אַלע יסודות פֿון דער גוטער אַלטער יידישקייט פֿאַר אַ נייער פֿרייער וועלט.

II

די איזאָלירטקייט

קודם כּל איז דאָ מיסטעריש אַנטפּלעקט געוואָרן דער וואָרעם אין כריין, יידישע איזאָלירטקייט, פאַרפרעמדקייט צו אַ וועלט. פון יענער צייט זיינען שוין פיל וואַסערן אָפּגעלאָפן; צווישן קאַבצאַנסק און דער וועלט שטייען שוין די נאַלעווקעס און אונזערע היימיש־אינטע־ליגענטישע פּאַריזער מאַנסאַרדעס; מנחם־מענדל בויט שוין פּתום מיט רעמסס און פעפערל האַלט זיך פאַר אַ וועלט־בירגער. אויף קאַבצאַנסק גופא קוקן מיר שוין דורך אינטעליגענטיש־גרויסשטעטישע ברילן מיט ביינקשאַפט און ראָמאַנטיזירטע יוגנט־זכרונות, און יונגע פאַרטרוימטע טאַ־לענטן האָבן באַשטראַלט מיט חן און מאָלערישקייט די קליינשטעטלדיגע אידיליע, קערנדיגקייט און רחבות. היינ־טיגע צייטן איז זיך שוין שווער פאָרצושטעלן יענע ווילדע וויספּע אין מיטן אַ וייטן פרעמדן וועלט־ים, וואָס דערפון איז אונז געבליבן לזכרון קלאַסישע בילדער פון „וצוני׳ער מיט־וועלט“ (בּאַ לינעצקין), פון די קאַבצאַנסק און טונע־יאַרעווקעס (בּאַ מענדעלין). ערגעץ האָט געקאָכט און גע־שטורעמט, דורות און פעלקער האָבן געשטריטן און געריסן פאַר מאַכט און פּראַכט, מלחמות און רעוואָלוציעס, אַנט־רעקונגען און ריזנדיגע מוילוואָרף־אַרבעט האָבן איבער־געקערט אַ וועלט. און דאָ, אָן אַ זייט, איז געשטאַנען גלה־פסק, אַ פאַרשימלט שפּינוועבס, ניט געריהרט און ניט געזאָרגט, יידישע געטאָס אויפן פרייען פעלד, אַ נשאר פון מיטלאַלטער, פון די צייטן פון אַ זאַמדזייגער און מהר״לס גולם. אַ קאַלוזשע האָט זיך געבויטעט אין אירע אייגענע

בּרעגעס פון מאַרק בּיזן בּית־המדרש; דרין האָבּן זיך געבּויבּערט מאָרגנע בּרואים, עפּעס ווי פון אַן אַנדער פּלאַנעט, און געזעהן דאָ נסים ונפלאות, זיכער און שטאָלץ, אַז דאָס, גלופּסק, איז מיט־וועלט, די איין־און־איינציגע ממשות־דיגע וועלט, און אַלץ אַרום איז ווידער גלופּסק, אָדער מ'שטיינס געזאָגט, שטעט און דערפער, פעלקער און בּרואים, וואָס זיינען עפּעס ניט כּדרך הטבע און אין בּעסטן פאַל זיינען זיי בּאַשאַפן געוואָרן פון גלופּסק וועגן. דאָ האָט מען זיך געקוויקט מיט פּאָטשטן און חקירות וועגן גאָר דער וועלט, פּאָליטיק האָט אָנגעשפּאַרט אין דער בּאָד אויף דער אויבּערשטער בּאַנק, מ'האָט געפירט בּלוטיגע מלחמות צווישן אלכּסנדר מוקדון און נאַפּאָלעאָנען און מ'האָט זיי אויסגעגלייכט גאַנץ יידישליך און יושרדיג; מיט אַ גמטריא און מיט אַ רמז אין אַ פּסוק האָט מען דאָ געשטעלט און געוואָרפן מלכים און שרים; מיט אַ „ספּרוזשינקעלע" האָט מען זיך קלאָר געמאַכט בּאַן און טעלעגראַף און אַלע וועלט־אויפטוען; מ'האָט זיך געקוויקט מיט מעשיות פונם סמבּטיון און פון די רויטע יידלאַך און געזוכט סמנים אויף משיחס צייטן

וצוני'ער־קאַבּצאַנסקער יינגל איז זיכער, אַז די גאַנצע וועלט איז פון הוילע יידן: חסידים, בּעלי־בּתּים, מעקלערס, שיינקערס, פּעקלמאַכערס; און יידענעס: גבּאי־טעס, שפּרעכערקעס, קרעמערקעס און בּעלי־הבּיתטעס. ווי קאָן דאָס געמאָלט זיין אַ שטאָט אין דער וועלט אָהן ייִדישע קלייזלאַך, ישיבות, בּטלנים, אייניקלאַך, טוקערינס, כאַפּערס און קהל־שטיבּלאַך? אַ שיינעם פּנים וואָלט בּאמת געהאַט אַ שטוב אָהן מזוזות, מאיר־בּעל־נס־פּושקע, אָהן אַ כּשר־שטיין, שיר־המעלותן און דער פּאָמעניצע אינעווייניג

און אָהן אַ סוכּה מיט אַ בּערגל מיסט אין דרויסן! אָבער אַזוי זיינען געווען איינגעגלויבּט בּאַטאַגטע, מיושבֿ־דיגע יידן אויך, וואָס האָבּן דאָ אין דער קאַלוזשע אויס־געפירט אַ וועלט, חתונה געמאַכט קינדער מיט אַ שטר־חצי־זכר און זיך צוגעגרייט מעשים־טובים און תּכריכים אויף אין וועג אַריין. אין ספרים, וואָס זיינען הייליג און אייבּיג, האָבּן זיי געזעהן און געהערט, אַז די גאָרע וועלט איז נאָר פונם יידנס וועגן בּאַשאַפן, אַלע בּרואים און ש״י עולמות זיינען נאָר געמאַכט געוואָרן צו דינען דעם יידן, אַז פונם יידנס מצוה אָדער אַן עבירה, אַפילו פון אַ גוטער כּוונה אָדער אַ מחשבה זרה, קומען אויף און ווערן חרוב גאַנצע וועלטן, ווערן בּאַשאַפן און ווערן פאַרבּרענט מחנות מלאכים, מליץ־יושרים, לצים, מקטרגים און מזיקים. מיט וואָס איז ער, דאָס ווערמל יעקב, ניט דער איבּערמענש, דער האַר פון אַלע בּרואים!

דאָ האָט די אַרומיגע וועלט געגאָלטן פאַר דער פרעמד, פאַר עשו, פאַר דעם בּיטערן גלות, וואָס איבּער נויט האָט מען געמוזט דערמיט האָבּן מגע ומשא, מ׳האָט זיך אָבּער שטאַרק אַרומגעגאַרטלט קעגן איר, ווי קעגן אַ טמאה, זי זאָל די מינדסטע שליטה ניט האָבּן אין יידישן גבול. דער גלות איז דאָ געווען אַ געדיכטער קנויל מאָדנע בּאַגריפן און שטייגער. דאָס איז געווען: דער "רויטער קאָלנער", וואָס גאָט האָט אים אַראָפּגעשיקט פאַר די זינד, ער זאָל מאַכן פּראָטאָקאָלן פאַר „טשיסטאָטאַ" (סאַניטאַריע) און פאַרן עירוב, נאָר וואָס מ׳קאָן אים מכפּר זיין מיט לאַ־יחרץ און מיט געפעפערטע פיש; גויים אין פּאָסטעלעס, וואָס זיי איז אָנגעצייכנט צו האָרעווען, זייען און שניידן, יידן זאָלן האָבּן בּרויט און קאַרטאָפל און זאָלן

זיי פאַרקויפן בראַנפן ; פריצים, וואָס גאָט האָט צוגעשיקט, ייִדן זאָלן זיי האַלטן אויף דער אַרענדע, מפרנס זיין דער־מיט ווייב און קינדער און לפנים צאָלן ראַטע ; און אַפילו דער שבת־גוי מיט „זשוקל" דעם הינטל, וואָס הייצט די באָר, נעמט אַראָפ די שבתדיגע לייכטער און איז די כפרה פאַר ייִדישע קינדער און שבתדיגער חלה. קעגן דער ראָזיגער פרעמד האָט מען זיך אַרומגעצאַמט מיט גדלות און בטול פון וועלט־אַריסטאָקראַטן, מיט האָפענונגען אויף ישועות ונחמות אויף ייִדן, מיט אמונה אין נסים און אין משיחן. ער, „איוואַן", לעבט בזכות דאָס פרומע קלוגע פאָלק ישראל. מ׳שטיינס געזאָגט, וואָס ער קאָן שוין אויפטון, מיט וועמען מ׳קאָן זיך דאָ חברן און באַ וועמען ס׳איז דאָ וואָס צו לערנען, אַז אַלצדינג איז שוין לאַנג פאָראויסגעזעהן און אָנגעטייט אין הייליגע פסוקים און אין מאמרי חז״ל!

אַזוי האָט מען דעם וואָרעם אין כריין אַרויסגעשאַרט פונם זיס־פוילן פינסטערן שפעלטל און אים אַוועקגעלעגט אויף דער ליכטיגער שיין. דער גרלן האָט זיך געמוזט דערפילן, ווי איינער, וואָס מ׳האָט אים מוטער־נאַקעט אַוועקגעשטעלט פאַר אַ וועלט מענשן, און געמוזט זיך קאָרטשען און דרייען צו פאַרדעקן די שאַנד. ס׳איז דאָ אַראָפגעריסן געוואָרן דער חן פון דעם שפינוועבס, וואָס האָט געהאַלטן אַ גאַנץ פאָלק סגור ומסוגר, פעסטער, איידער אייזערנע טויערן און ריגלען ; און פאַרריסענע תמימים האָבן באַ דער ליכטיגער שיין געמוזט דערזעהן, אַז גלופסק איז אַ זומפ, ניט קיין מיט־וועלט, און אַ לעבעדיגע ליכ־טיגע וועלט הויבט זיך אָן ערשט דאָרטן, וואָס זיי האַלטן פאַר אַ וויסטן מדבר. דער שפאָט און שטאָך, ייִדישע גע־פאַלנקייט און דערנידערונג אין דער וועלט זאָלן דאָ ברעכן

די ווילדע יידישע גדלות, דאָס איינרייִדעניש, אַז ער, דער ייד, איז דער צענטער פון דער וועלטשאַפונג, דאָס קלוגע פאָלק, וואָס ווייסט אַלץ און קאָן אַלץ; דער ייד זאָל דערפילן, אַז מיר זיינען אָפּגעשטאַנען פון אַ וועלט מייַלן־ווייט און מיר דאַרפן גיין אין חדר צו „איוואַנען". מ'האָט באַדאַרפט ווייזן, אַז איוואַן איז דער אייגענער יחסן, וואָס ער, ניט קיין אָנשיקעניש פאַר זינד, און מיר דאַרפן זוכן אַ וועג צו אים, כּדי צוזאַמען בויען אַ שענערע וועלט: „וואָס הייסט דער איז ‚געפּגרט', יענער איז ‚געשטאָרבן?', אַלע זיינען גלייכע מענשען, מענשען פון איין מין" [9].

און דאָס האָט געזאָלט געטאָן ווערן אין „פּאָניע"־לאַנד, אין די צייטן פון פּאַנשטשינע און מוצאי־פּאַנשטשינע, אין אַ סביבה פון קנעכטשאַפט און פאַנאַטיזם, וואָס פון דאָרטן האָט דער ייד געזעהן שנאה און קנאה צו זיך, אין בעסטן פאַל שפּאָט און אומצוטרוי!

מ'האָט באַדאַרפט וועקן אינם איבערגעשראָקענעם יידן דאָס עלעמענטאַרע בירגער־געפיל; מאַכן פון דעם הימל־מענשן אַ תּושב אויף דער ערד: ניט קיין גלות איז די וועלט אַרום און ניט קיין פרעמדער איז ער אין לאַנד. אויף אונז ליגט די שולד פאַר אונזער טאָפּלטער פּאָליטישער קנעכטשאַפט, וואָרום מיר האָבן זיך דערווייטערט פונם לעבן אַרום, אָפּגעזונדערט זיך פונם לאַנד. אייביג וועט דאָס ניט דויערן: ס'איז אין אונזערע הענט, מיר זאָלן ווערן גלייכגעשטעלטע בירגער און געניסן פונם לאַנד. און ווי נאַאיוו ס'זאָלן אונז היינטיגע צייטן ניט אויסזעהן

[9] א. צ. צווייפעל: „אַהער און אַהין", „פאָלקס־ביבליאָטעק" I, ז. 51.

די האָפּענונגען אויף גוטהאַרציגע מלכים און שרים, וואָס קוקן אַרויס אונז באַגליקן, זאָלן מיר נאָר דאָס פּאַרדינען, די ערשטע אַ פינגער אויסשטרעקן, האָט מען דאָך באַדאַרפט פאַרמאָגן מוט און ווייטזיכטיגקייט צו זאָגן יירן אין ניקאָלאַי דעם 1־טנס צייטן, די צייטן פון כאַפּערס און קאַנטאָניסטן, אַז די „גזרה" פון קאַנטאָניסטן איז קיין גזרה ניט, נאָר אַ חסר: „כּדי יודין זאָלין דערמיט האָבין גלייך רעכט און אַ חזקה אין דער מדינה, יודין זאָלין ניט זיין וויא גרים אין דער מדינה"[10].

III

רוחניות

אין וועג איז דאָ געשטאַנען אַ סך זאַכן און קודם כּל יידישע רוחניות. די איזאָלירטקייט אַ פאָלק, וואָס האָט זיך באַדאַרפט מאַטעריעל און גייסטיג שפּייזן פון די הוילע צען פינגער, נאָר אָהן אַרבעט, האָט געבוירן די אייגנטימליכע לעבנס־פילאָזאָפיע, רוחניות, וואָס האָט ניט איר גלייכן בּאַ קיין פאָלק. די רוחניות ווידער האָט פון איר זייט משפּיע געווען אויף דער איזאָלירטקייט, געשפּייזט זי און געצערטלט און געקרוינט מיט אַ גאַנצער אידעאָלאָגיע.

קאַבּצאַנסק איז אַן ערה היילינגע, וואָס האַלט אין איין זוכן דאָס געפונענע, דאָס וואַסערל פונם אייבּיגן לעבן. די ערה גאַנצערהייט איז אַ בּונר מיטן רבּונו של עולם אויף עולם־הבּא. און דאָ, אויף דער וועלט, שטופּט מען

[10]) י. אַקסענפעלד: „דער ערשטער יודישער רעקרוט אין רוסלאַנד".

אָפּ די עטליכע יאָר בשיהי פּיהי, ווי נזירים, און מ׳איז מבטל אַ וועלט. אין ליטע פֿאַרברייננט מען אַ לעבן מיט פּסוקים, מיטן שלחן־ערוך און מיטן מגיד, און אין וואָלין — מיט תּקון, מיט שבחי בעל־שם־טוב און מיט מופתים. ניט וואָס חוץ דעם איז ניטאָ גאָרניט: ערגעץ אַרבעט מען אין פֿאָלק שווער און ביטער, מ׳גלוסט אין מ׳גענישט און מ׳גיט נאָך דעם זינדיגן גוף אויך; אָבער דאָס אַלץ ליגט טיף פֿאַרשטעקט אין הינטערגרונט, פֿאַררוקט ערגעץ ווייט אין אַ פֿינסטער ווינקל, אַזוי ווי אַן אויסבאַהאַלטענער חמץ, און האָט אַליין ניט די העזה דעם קאָפּ צו הויבן. אויבן, אין באַוואוסט, הערשט די גייסטיגקייט. דאָ פֿאַראַכט מען די מאַטעריע, דעם חומר, הימל און ערד, און דער אידעאַל איז דער זיידענער יונגערמאַן, דער חלוש מיטן קנאָפּ אין גאָרגל, דער פּרוש אָדער דער מקובל, אָהן אַ טראָפּן בלוט, וואָס ווייסט ניט קיין צורת מטבע. עולם הזה איז דאָ אַ זינד קעגן זיך, קעגן דער ערדה און קעגן דעם כביכול; און אַ טיפֿע פֿאַראַכטונג, כמעט אַ שנאה ברענט דאָ צו אַ גלייכן רוקן, צו אַ געזונטן גוף, צו אַן אָפֿן אויג, וואָס זעהט און גלוסט, צו אַ גלייכן פֿאַרשטאַנד, וואָס באַנעמט אַ זאַך פּשוט. אַ גאַנצע ערדה האָט זיך אָפּגעקערט פֿון אַ וועלט מיט איר אַרבעט און וויסן, מיט אירע אויפֿטוען און ליידנשאַפֿטן, זיכער, אַז דאָס אַלץ איז נאַרישקייטן, וואָס איז ניט ווערט דעם מענטשנס האַרץ און מוח און געווים ניט די מינדסטע מיה דאָס צו דערלאַנגען. די גאָרע וועלט שטייט אויף לומדים און צדיקים, אויף תּורה און מצוות, און דאָס, די רוחניות־וועלט, איז דאָס איינציגע וואָרע לעבן, וואָס פֿאַרדינט געשעצט צו ווערן. די דאָזיגע ערדה האָט באַוויזן די גרעסטע קונץ: בײַצוקור־

מען הונגער דורות־לאַנג און גובר זיין דעם שטן, דעם מאָגן, מיט קרופּניק און מיט אַ פּסוק, מיט בטול און ווינשעניש, אַרומגעגאַרטלט מיט בטחון און אויסגעשטעלט אויף ניסים, וואָס האָבן שוין דאָ אָנגעוואָרן זייער איבערנאַטירליך וועזן און געוואָרן אַ וואָכעדיגע זאַך.

דער מאַטעריעלער אויסדרוק פון דער דאָזיגער רוחניות־וועלט איז דער יידישער דלות. פּאַרצייטי־גער יידישער דלות אין בילדער בּאַ עלטערע יידישע שרייבער — דאָס איז אַ ספּעציעלע שטודיע ניט אַליין פאַר אַן עקאָנאָמיסט, אַ פּאָליטיקער, נאָר קודם כל פאַר אַ פּסיכאָלאָג, פאַר פאָלקלאָר. דאָס האָט שוין פאַרשטאַנען פון די עלטערע יידישע שרייבער שלום־עליכם [11]) און אין אונזער צייט בעל־מחשבות [12]). דאָס קלאַסישע בילד פונם יידישן דלות איז געגעבן דערהויפּט בּאַ מענדעלין און בּאַ שאַצקעסן און האָט גאָרניט צו טון מיט דער יידישער אָרימקייט, וואָס אויף דעם האָבן זיך שוין שפּעטער אין אונזער צייט ספּעציאַליזירט מאָדערנע שרייבער, דערהויפּט אברהם רייזין. דאָ, בּאַ די יונגע, האָבן מיר אַ מאַטעריעלע נויט פון יחידים, מעג זיין אַפילו פון גאַנצע שיכטן, אָבער אינדיווידועל באַנומען, אַזוי ווי נויט בּאַ אַלע פעלקער, וואָס טרעפט, ווי אַן אומגליק, און מ'ראַנגלט זיך קעגן דעם מיט אַלע קרעפטן; דאָרט בּאַ די עלטערע יידי־שע שרייבער איז דער דלות אַ שטיק פאָלקסוועזן, אַ סיסטעם לעבנספילאָזאָפיע.

[11]) „דער יודישער דלות אין די בעסטע ווערקע פון אונזערע פאָלקס־שריפטשטעלער" אין „ביילאַגע צום יודישען פאָלקס-בלאַט". פעטערבורג 1888, נומערן 39—44.

[12]) זעה זיין־קלאַסיש אַרטיקל וועגן מענדעלין אין דער „יודישער פאַמיליע", 1902.

מאָנומענטאַל איז דאָ דער פאַרנעם פון דער אָרימקייט; אַן אָרימקייט פון אַ גאַנץ פאָלק, פון אונטן ביז אויבן. איר שטוינט ממש, ווען איר לייענט אין „יודישען פאַר־פּסח“, מיט וואָס יידן קומען אָפּ טעג און יאָרן, וואָך און יום־טוב, וואָס פאַר אַ וואונדערליכער מן דאָס איז דער קרופּניק, וואָס ער קאָן שפּייזן אַ גאַנצע עדה; און אַ געפיל פון פאַרביטערונג און עקל באַפאַלט אייך, ווען מענדעלי נעמט אייך אויסלייריגן פון דער גרויסער יידישער טאָרבע דאָס פּעקל אָרימעלייט: „פּיעשי“ און „קאָנע“, כלי־קודש און יום־טוב אָרימעלייט, שטילע און איידעלע אָרימעלייט און באַנקירן־אָרימעלייט און ווי זיי הייסן נאָך דאָרט.

אָבער דאָס מערקווירדיגסטע אין דער דאָזיגער אָרימקייט איז די עדה, ווי אַזוי זי באַנעמט די נויט: דאָס איז אין אירע אויגן אַ נאַטור־זאַך, אַזוי ווי זון און שטערן; אַזוי דאַרף זיין ביז גאָט טוט ניט אַ נס און באַגליקט ניט. ממילא באַליידיגט זי ניט די נויט, קיינער פילט זיך דאָ ניט געפאַלן אָדער געקריינקט, וואָרום אָרימער און עלנטער פאַר דער מאַטעריע איז דאָ די פּסיכאָלאָגיע, די השגה. וואָרום נאָך מער פאַר ברויט פעלט דאָ לעבנספרייד, אָט די פרייד, וואָס קומט ניט פון גליקן און איבערראַשונגען, נאָר פון זיך, פון דער פייהיגקייט פון אַ געזונטן מענשן צו געניסן שפּייז און לופט, באַוועגונג און זון, דאָס גאָרע לעבן. וואָרום ניט געקוקט אויפן פאַנצער בטחון, האָבן מיר דאָ פאַר זיך אַ פאַרזאָרגט וועלטל, וואָס איז אַריינגעטאָן איבערן קאָפּ אין תּכלית. ניט נאָר די נויט באַליידיגט ניט, נאָר די שפע דערהויבט ניט. וואָרום דאָ הויבט מען ניט אָן צו באַגרייפן, וואָס איז אַזוינס מאַטעריע, גשמיות, און זי זעהט דאָ אויס נישטיג און איבעריג. דאָ

איז קיין סימן ניטאָ אויף אַ ליבשאַפט צו זאַכן, צו פעלד און הויז, צו שטיין און שטאָף, צו קלייד און פאַרב, צו פאָרם און בילד, צו דער גאָרער זאַכן־וועלט, וואָס מ׳דאַרף דאָס זעהן מיטן אויג, אָנטאַפּן מיט די הענט, פילן אַ ציטער דערצו אין האַרצן און וואָס זי איז דער סקעלעט פאַר אונזער פסיכיק, וואָס זי פיקסירט די אַבסטראַקציע אין רעאַלע פאָרמען, פאַרקערפערט זי אין ממשותן און אין בילדער. אַפילו רייכקייט און איבערפלוס איז דאָ פאָרטאַטיוו, אַזוי ווי די יידישקייט, דאָס איז דאָס ביסל מזומנים, וואָס מ׳קאָן דאָס פאַרטראָגן אין קעשענע. דאָס שטערנטיכל און די פערל, וואָס גייען איבער פון באָבע צו אייניקל, האָבן זיך שוין אויך ווי עפּעס אָנגענומען מיט יידישקייט, געוואָרן אַ טייל פון דעם פרומעם יידישן שטייגער: דאַרף מען דאָך האָבן מיט וואָס צו גיין אין שול אַריין!

מענשן מאַכן דורך אַ וועלט מיט פאַרשטאָפּטע חושים, אָנגעלאָרן די פונקציעס פון די חושים אויף דעם צעשרויפטן מוח, וואָס פליהט אין דער לופטן, ער זאָל שוין ספּעקולירן און אויסברייען, וואָס מ׳דערזעהט ניט און דערהערט ניט, וואָס מ׳טאַפּט ניט און מ׳שמעקט ניט. יידן לומדים קאָנען פאַרברייגען טעג און נעכט איבער סוגיות פון אַ סוכה, אַן עירוב, קידוש החודש און אַנדערע מאַטעריעלע אָביעקטן, און פירן דאָס אויס מיטן גראָבן פינגער, פילן ניט די מינדסטע באַדערפעניש אין אַ צייכענונג, אין אַ ליניע, ס׳זאָל מאַטעריעל נעהענטער ווערן צום אויג, צום פאַרשטאַנד. אַ גאַנצע שפּראַך איז דאָ באַשאַפן געוואָרן, וואָס אַריבער העלפט שטעקט זי אין גראָבן פינגער, אין „בע", „טע". פון דער גאָרער מאַטעריעלער וועלט איז דאָ געוואָרן אַן אַבסטראַקציע, אַ מוח־שווינדל; דאָ האָט זיך איינגע־

וואָרצלט אַ מין פּסיכישע קראַנקהייט, אַ געמיש פון בטול און שנאה קעגן יעדער אַנטפּלעקונג, קעגן אַלצדינג, וואָס איז אויפגערעקט און בולט אין פאָרם און אין בילד, אין וואָרט און אין קלאַנג. אַפילו אַ נגון איז דאָ אָהן ווערטער. דאָס גאַנצע האַרץ־און געמיט־לעבן האָט מען פאַרטריבן אינעווייניג בחדרי חדרים, פאַרפּרעסט מיט אַ שווערן צניעות־שטיין, און מ׳שעמט זיך דערמיט כבושת גנב, ס׳זאָל ניט אַנטפּלעקט ווערן. ניטאָ קיין וואָרט, קיין בילד, קיין זשעסט פאַר ליבע, פאַר האַרצבאַנגער. שטום, בלינד און געלייכמט גייט מען דורך פאַרביי דער פרוי, פאַרביי דער אייגענער צנועה, פאַרביי דעם קינד אַפילו, סיידן דאָס ווערט קראַנק, און רחמנות ברעכט די שעמעוודיגקייט. דאָס וואָרט באַלייִדיגט דאָ, אַזוי ווי אַנטבלויזט לייב, ווארום דאָס וואָרט אַנטפּלעקט אויך און אַנטבלויזט דאָס, וואָס ס׳דאַרף אויס־באַהאַלטן זיין, ווארום גראָב איז דער חומר דער ווערם־קאַמער, זינדיג איז דאָס געפיל, דעם יצר־הרע׳ס שליח, און פאַרשייט איז דאָס וואָרט — דער גיהנום־אָטעם. אַלע לויערן זיי אויף טריט און שריט, זיי האָבן זיך פאַרגנבעט אין אויג, אין אויער, אין אַלע חושים, אין אַלע קעמער־לאַך פון אונזער לייב, כדי אַראָפּצופירן אונז פונם וועג פון אייבּיגן לעבן און געהייליגטן עטיקעט, און מ׳דאַרף זיי האַלטן אויף אַ קייט.

די ראָזיגע פּאַקירן, האַלבפאַרחלשטע עולם־הבאָניקעס מיט אויסגעלאָשענע חושים און פאַרלאַנגען האָט מען דאָס געראַפּט מונטערן, אַריינגעבן זיי אַ חשק צו עולם־הזה. דאָ האָט געמוזט געבראָכן ווערן דער יאָך פון גייסטיגקייט, וואָס האָט געבויגן דעם גוף טיף צו דער ערד, האָט פּאַ־ראַליזירט ווילן און מוט, האָט פאַרשטעלט דעם וועג צום

לעבן, צו דער וועלט און האָט געגעבן אַ פאַרענטפערונג דער פוילקייט, דער נויט, דער געפאַלנקייט, דעם גאָרן הינטישן לעבן. דער יידישער שטייגער, אַנטפלעקט אין זיין גאַנצער פאַרקריפּלטקייט און עקל אין בילדער בּאַ עלטערע יידישע שרייבער — דאָס איז אַ מערקווירדיגער פּראָטעסט פון דער אויפגעשטאַנענער מאַטעריע קעגן דער רוחניות. דער תּפוס, דער גוף, האָט זיך דאָ אָפּגעריסן פון דער קייט און גענומען מאָנען זיין רעכט בּאַם וועקסענעם נאָטס קנעכטעלע, וואָס האָט אים געפּייניגט מיט אַ פרום פּנימל פון זיין, דעם גופס, טובה וועגן. עפּעס שטעקט אין די בילדער אַזוינס פון פּרימיטיווער אורקראַפט, פון אינסטינקטן, וואָס זיינען שטאַרקער פאַר יעדן מוח־שווינדל און רייסן זיך דורך אַ וועג דורך בּערג היסטאָרישע איינריידענישן און גלויבּענישן. אומבּרחמנותדיג איז דאָ אַראָפּגעריסן געוואָרן דער שלייער, וואָס האָט בּאַראַפּט פאַרדעקן די מאוסקייט, בּאַשיינען די אָרימקייט פון דער יידישער מאַטעריע מיט אַ גייסטיגן חן, מיט אַן אילוזיע פון אַ ווייטזיכטיגן צוועק. ניט אין חקירה און אין ניטשעאַנישן מוסר, ווי מיר זעהען דאָס שפּעטער בּאַ בּערדיטשעווסקין און בּאַ אַנדערע, נאָר גראָד אין דער פּרימיטיווקייט, אין דער מגושמדיגקייט, ווי אַזוי ס'איז דאָ אַנטפּלעקט געוואָרן פאַר דער ליכטיגער שיין דאָס יידישע גערגעלע און דער שלומפּער, דער איינגעשרומפּענער מאָגן און הוילע פּיאַטעס, דער שטוב־הקדש און דאָס רינשטאָקל,—גראָד אין אַזאַ עלעמענטאַרער אַנטבּלויזקייט שטעקט די קראַפט, וואָס האָט די אוממיטלבּאַרע ווירקונג, וואָס רייסט די אויגן. וואָרום מער פאַר אַלץ האָט דער דאָזיגער שטייגער מורא געהאַט פאַר שיין, פאַר לופט; ניט אומזיסט האָט ער זיך אַזוי

אויסבאַהאַלטן פאַר אַ פרעמד אויג, אַזוי געהילט, געפּעלצט זיך, אַריינגעצויגן אין זיך, אַזוי ווי די שילדקרויט אין פּאַנצער. מיט האַס און שפּאָט ווערט דאָ געפּייניגט אין דער עלטערער יידישער ליטעראַטור אַ הונגעריגע, אויסגעמאַטערטע ערדה, וואָרום דאָ באַגעגנט מען שוין דלות און הונגער ניט סתּם פאַר אַ פאָלקס־אומגליק, נאָר פאַר אַ זינגר, אַ פאַרברעך פון מענשן, וואָס פאַרשפּילן אַליין זייער לעבן.

עפּעס רירנדעס ליגט אין דעם, ווי אַזוי דאָ ווערט געערדט מיט האַרץ פון געוויינטליכע זאַכן, פון נאָכגעבן דעם גוף, פּשוט פון עסן (אַ גאַנץ בוך פאַרמאָגן מיר פונם ליטווישן קרופּניק!), פון ציכטיגקייט; רירנדיג איז די תּמימותדיגע באַגייסטערונג פאַר אַ גערטל, פאַר דער נאַטור, ווי אַזוי מ׳נעמט עפּעס באַם יידן דאָס אויג און דאָס האַרץ, אים ווייזן, אַז ס׳איז פאַראַן שיינס און גוטס אויף דער וועלט: „ר׳ אַלטער, ס׳איז שען! ר׳ אַלטער, ס׳איז גוט!“—מונטערט מענדעלי דעם פאַרזאָרגטן קבצן און ווייזט אים אַ ליבן תּמוז־טאָג, אַ זומער־פעלד, די ליכטיגע זון. דעם פּרוש, דעם בטלן מיט זיין איינגעגעסענער צניעות, וואָס ציטערט פאַר יעדער אַנטפּלעקט געפיל, נעמט מען טאָרען דעם יצר־הרע, ווייזן אים, אַז ס׳איז פאַראַן פרוי אויף דער וועלט, שיינקייט און גראַציע, חוץ אַ ווייב אַ יידענע, און יוגנט־ליבע, חוץ שדוך און תּכלית.

לעגאַליזירן אין יידישן פרומעם שטייגער ליבע, האַרצבאַנגער — דאָס איז אַ ספּעציעל קאַפּיטל יידישע ליטעראַטור און איינער פון אירע שענסטע אויפטוען. אָפן און שטאַרק האָט מען זיך געוואָרפן אויף אַ זייל יידיש־

קייט, אויפן יידישן שרוך און יידיש פאַמיליענלעבן. מיט חווק און ערנסט איז דאָ געשטראָפט געוואָרן דער יידישער שטייגער, דער שרוך מיטן תכלית און יחוס, וואָס ווערט געשלאָסן באַ אַ בלאַט גמרא און באַ אַ רינגעניש פאַר נדן און קעסט, און וואָס פאַריאָכט יונגע הערצער, דאָס לעבעדיגע יוגנט־געפיל, באַ זייטיגע צוועקן, באַ אַ שמאַלצגרוב אָדער באַ דער מזרח־וואַנט. מיט גיפט און גאַל איז דאָ אויפגעדעקט די צביעות און רציחות, וואָס ווערן דאָ באַגאַנגען קעגן דער יוגנט פון אייגענע און פרעמדע, און שטיל און פאַרגנבעט, מיט אַ האַלב מויל און מיט אַ פול האַרץ וועקט מען דאָ רחמנות, מחילה און אַכטונג פאַר די „הנאהבים והנעימים“, וואָס מיינען דאָס אַזוי בנימוסדיג און צניעותדיג, „חס ושלום ניט הילטייסקע, נאָר אמת און עהרליך“[13]. פישקע דער קרומער — די האַרצנגעשיכטע פון אַ וויכטן קאַליקע מיט אַ האָרבאַטע מיידל — דאָס איז אַ לויבגעזאַנג דער ליבע, אַ ווענ, וואָס זעלטן ווען אַ ליטעראַטור האָט באַדאַרפט דערצו אָנקומען, אַן אַנטרעקונג.

אין אַ צייט, ווען ראָמאַנטיזם אין דער וועלט־ליטעראַטור האָט שוין געהאַלטן אַזוי גוט ווי באַ אָפּגעזונגען זיין ליד און האָט אָפּגעטראָטן אַ ווענ דעם פּאָזיטיוון געדאַנק, דעם וויסנשאַפטליך־רעאַליסטישן וועלטבאַנעמען, אין אַזאַ צייט האָט באַ אונז אָנגעהויבן צו שלאָגן אַן אָריגינעלער ראָמאַנטישער קוואַל, אַמאָל מיט תמימותדיגער סענטימענטאַליטעט, מייסטנס מיט אַ שטילן רעאַליסטישן גרונדטאָן. דאָ האָט געפעלט דער גרויסער יוגנט־ברען, די באַנייסטערטע פאַרחלומטקייט, איר פילט דאָ די באַהאַלטענע

[13] י. אַקסענפעלד: „דער אוצר אדער דיא גינאַרטע־וועלט“, אָדעסאַ, 1870.

פאָרזיכט פאַר דער פרומער אַסקעטישער סביבה בײַ מענשן,
וואָס האָבן אַליין קיין יוגנט ניט געהאַט און זײַנען אַליין
באַלעסטיגט מיט דער שעמעוודיגקייט פון זייער סביבה.
דער ראָמאַנטיזם איז געווען נאַטירליך פאַר אונזער ליטע־
ראַטור, וואָס האָט דעמאָלט געהאַלטן בײַם אָנהויב, בײַם
אויסטיילן זיך פאַר זיך; דאָס איז געווען פאַר ליטעראַטור
איר ברויט — די אייגנטליך־ליטעראַרישע טעמע און סיו־
זשעט, וואָס דערמיט האָט זי זיך אויסגעטיילט פון חקירה,
מוסר־שטייגער און פובליציסטיק און וואָס האָט איר גע־
זאָלט אַ וועג מאַכן, באַשאַפן פאַר איר לייענער און פאַר־
הערער. אָבער צוגלייך איז דאָס געווען עפעס מער פאַר
ליטעראַטור: דאָס איז געווען אַ געזעלשאַפטליכע דינסט,
אַ באַגייסטערונג פאַר אַן אויפטו, וואָס זאָל האַקן פון אַ
שטיין וואַסער, אויפפרישן דאָס פאַרשטיינערטע יידישע
לעבן. די יידישע ליטעראַטור האָט זיך געפונען איר וועג
און זי האָט זיך אַרויסגעשטעלט שטאַרקער פאַר יידישליכ־
קייט. אַזוי ווי דעם כעלמער מלמד אין אויג דאָס ביסל
אַש־שטויב פונם פאַרברענטן ס'מ', אַזוי איז דאָ דעם יידיש־
ליכן שטייגער אַרייַנגעשפּריצט געוואָרן דער סם פון יצר־
הרע, און דאָס האָט זיך אַרויסגעוויזן פאַר אַ זיכערן שליסל,
אפשר דעם זיכערסטן, צו באַנייען דאָס גאָרע יידישע לעבן.
אומבאַמערקט האָט זיך דאָ גענומען *אויסטיילן* די
פערזענליכקייט פון דער עדה.

זעלטן וואו דער יחיד איז געווען אַזוי פאַריאָכט בײַם
כלל, ווי אין דער פאַרצייטיגער יידישער עדה, וואָרום דער
בונד מיטן רבונו של עולם, אַפילו מיט דער אַרומיגער
וועלט, איז געווען אויף איר (דער עדהס) נאָמען; זי, די

ערה, האָט געשטעלט צוועקן פאַרן מענשנס לעבן און אָנגעוויזן די וועגן, געפילט די אחריות פאַרן יחיד, און ממילא געהאַלטן זיך פאַר דעם חיוב־אַפּוטרופּוס איבערן יחיד. דורות־לאַנג האָט זיך דער יחיד איינגעוויגט און איז פאַרשלעפּערט געוואָרן אין כּלל: דאָס איז געווען זיין טאַטע־מאַמע, זיין היים. מיטן ראָמאַנטיזם איז אויפגעוועקט געוואָרן דער יחיד מיט זיין לייד און פרייד, מיט זיין אינטים לעבן. דער אויפגעוועקטער יחיד האָט זיך געריסן פונם כּלל, פון דער רוחניות און יידישן עטיקעט, וואָס האָט געשטיקט און געוואָרגן יעדעס פאַר זיך אַליין. אָבער אינגיכן האָט ער געמוזט איינזעהן, אַז אין אָ סביבה פון אַ מאַסנלעבן קאָן ער זיך ניט באַפרייען פונם כּלל, נאָר ער מוז באַפרייען דעם כּלל מיט זיך, און ס'האָט זיך אָנגעהויבן אַ פאַרביטערטער שטרייט פאַר געווינען דעם כּלל. דער יונגער דור האָט באַקומען אַ דערקלער אויף זיין אומקלאָרן האַרצווייי, אַ סאַנקציע אויף זיינע יוגנט־טרוימען און מענשליך שטרעבן. פון דאַנען הויבט זיך אָן אין שלום־ושלוהדיגן, דור־איין דור־אויסיגן יידישן וועלטל דער אויפשטאַנד, דער שטרייט צווישן פאָטערס און קינדער, וואָס האָט אויפגערודערט דאָס פאַרשלאָפענע יידישע לעבן, באַרייכערט דאָס מיט דעם שטרייט גופא, מיט נייע זוכן און שטרעבן. אַ דור האָט אויפגעוואַכט און גענומען בויען אַ נייע וועלט מיט אַן אָפן אויג און אַן אָפּגעמונטערט האַרץ, אָנגעהויבן פון זיך גופא.

אַזוי האָט די עלטערע יידישע ליטעראַטור געפירט אַ שטרייט פאַר דער מאַטעריע, פאַר עולם הזה. אַלצאיינס, וואָס ס'זאָל ניט געמאָלט ווערן: הונגער־נויט אָדער אַ באַגראָבענע יוגנט, גלופּסקער געמויערטע באָד אָדער אַ קאָרנ־

פעלר; אַלצאייגס, ווי אַזוי דאָס זאָל ניט געזאָגט ווערן: מיט אַ קרעכץ אָדער מיט היץ, מיט אַ שטאָך אָדער מיט אַ פסוק; אין אַלע פאַלן האָבן יידן באַראַרפט דערזעהן די אַנטפּלעקטע עלנטקייט און העסליכקייט פון זייער לעבן, וואָס האָט ניט קיין שום פאַרענטפערונג קעגן דער שיין און מענשליכן פאַרשטאַנד. ס׳האָט געהייסן אַזוי גוט ווי: יידן, איר זייט ווילדע ברואים, איר שטעקט ווי אַ וואָרעם אין כריין און מיינט, אַז ס׳איז קיין זיסערס ניטאָ. די וועלט איז גרויס און שיין, און דאָס לעבן איז געגעבן צו פרייד און געגוס.

„דיא יוגענד איז אייער גאַנץ פערמעגען, איז זיא אַוועקצולאָזען לייד״ 14). וואַרפט אַראָפּ פון זיך דעם יאָך פון גייסטיגקייט, וואָס בויגט אייך צו דער ערד, גלייכט אויס דעם רוקן און דעם מוח, געניסט דאָס לעבן, קוקט מיט אָפענע אויגן און פאַרזינדיגט ניט אַ וועלט.

קורץ, די עלטערע יידישע ליטעראַטור האָט זיך די ערשטע מיט אימפעט אַ וואָרף געטאָן שטורעמען די וואַנט, וואָס האָט אָפּגעשיידט דעם יידן פון מענש און מענשליכקייט — דאָס איז דאָס וועקסענע וועלטל פון רוחניות און עולם־הבא — אָפּצוראַמען אַן אָרט פאַר דער וועלט, פאַרן געזונטן עלעמענטאַרן לעבנספאַרשטאַנד. אין דער דאָזיגער נייער לעבנספילאָזאָפיע איז שוין געגעבן אַ פּראָגראַם פאַר באַנייען דאָס גאָרע יידישע לעבן, אַ שטיצפונקט פאַר ווייטערדיגע נצחונות פון מענשליכקייט.

---

14) וואָלף עהרענקראַנץ זבאַרזער: „מקל נועם״, (פאָלקסלידער), I העפט, לעמבערג, 1869, ז. 37.

IV

יידישקייט

פֿון רוחניות האָבן מיר זיך נאָך ניט אויסגעטאָן; עד היום זיינען מיר איינגעטונקען אין איבּערנאָרמאַלער גייסטיגקייט. ס׳האָט זיך נאָר געבּיטן די פאָרם: פיל מער גייט אונז איצט אָן וועלט־פּראָבּלעמען פון מענשליכן גייסט און אַרבּעט, גערעכטיגקייט און שיינקייט, איידער רבּנישע שאלות־נשים און ר׳ לייב שׂרהס קפיצת־הדרך. אָבּער איצט איז דאָס שוין ווייניגסטנס ניט קיין שטער צו גייסטיגן פּראָגרעס אין פאָלק. און די גרעסטע זינד פון דער אַלטער רוחניות איז, וואָס בּאַ איר אומגעהייערער גייסטיגער אָנגעשטריינגטקייט, בּאַ איר איינגעטונקענקייט אין אַבּסטראַקציעס, אין קאָפּ־ און געמיט־אַרבּעט — איז זי געווען די גרעסטע מניעה צו אינטעלעקטועלער אַנטוויקלונג, צו מענשליכן וויסן און געשמאַק.

אויף צוויי זיילן האָט זיך געהאַלטן די יידישקייט־סיסטעם: אויף רבּנות און חסידות. וועגן רבּנות און לומדות איז אָפּגערעדט: ווער האָט דעם די לעצטע צייטן ניט געוואָרפן קיין שטיין אין קאָפּ? אַפילו דער יהדות־ייד, אחד־העם, האָט איינגעזעהן, אַז דאָס איז אַ יידישקייט, וואָס איז אויסגעליידיגט געוואָרן פון אינהאַלט, אַז ס׳האָט געבּראַכט צו אַ פאַרשטיינערט האַרץ א. אַז. וו.

ניט אַזוי איז די לאַגע איצט מיט חסידות: חסידות איז לעגאַליזירט געוואָרן בּאַ אונז; נאָך מער, ס׳איז אַריין אין דער עסטעטישער מאָדע. נאָך דעם ווי געטער שטאַרבּן אָפּ, מעג זייער לערע געקרוינט ווערן. היינטיגע צייטן,

ווען חסידישע תקיפות איז שוין לאַנג געבראָכן, ווען זעלטן ווער פון אונזער דור האָט געהאַט אַליין פון דעם יאָך אויסצושטיין, ווען ס'איז שוין פאַראַן חסידים אין פראַק, און גוטע־יידן פאָרן קיין אַמעריקע אויף גאַסטראָלן, היינטיגע צייטן מעגן מיר שוין פילאָזאָפירן וועגן חסידות און באַוואונדערן דעם פיינעם חוש און פילאָזאָפיש־עסטעטישן געשמאַק פון אַ פרצן, וואָס האָט דערשפירט דורך דער אַנטיקולטורעלער שאָלעכץ דאָס קערנדל מענשליכקייט און האַרציגע פאַרחלומטקייט, און האָט דאָס אַנטפּלעקט פאַר אונז מיט אַ ברייטער האַנט. איצט קאָן דאָס שוין הייסן אַפילו, אַז חסידות איז אַ שטיק דעמאָקראַטישע רעוואָלוציע קעגן דער תורה־אַריסטאָקראַטיע, וואָס זי האָט פאַריאָכט דעם גייסט און דאָס פאָלק, ממילא איז שוין חסידות אַ שטיק פראָגרעס אין אונזער לעבן. דעם פראָצעס תורה־חסידות און זייער קעגנזייטיגע ווירקונג אויף אונזער לעבן האַלט איך נאָך ניט פאַרענדיגט. עלעמענטאַרע היסטאָרישע פאַקטן און לעבנס־ערשיינונגען, וואָס זיינען נאָך באַ אַלעמען אין זכרון, מוזן אונז דערמאָנען, אַז אויב וואָלין האָט אונז געגעבן דעם „תעודה“, האָט מען באַדאַרפט האָבן די לומדישע ליטע, זי זאָל דאָס אַ סך פריהער אויפנעמען און פאַר אַ פּראַקטיש פראָגראַם מאַכן.

דאָ, אין זיין געבוירן־אָרט, אין דער חסידישער אוקראַינע, האָט דער „תעודה־בישראל“ נאָך צענדליגער יאָרן געגאָלטן פאַר טרף־פסול און מ'האָט דאָס אַפילו פאַרשפאָרט רודפן, אַזוי שטאָק־פינסטער איז דאָ געווען, אַזוי ווייט און פרעמד איז די גאָרע השכלה־באַוועגונג געווען דעם חסידישן פאָלק פון אונטן ביז אויבן. ניט דאָ איז דאָס אָרט

אויפּצומישן דעם ראָזיגן היסטאָרישן פּראָצעס[15]). איין זאַך מוז אָבער קלאָר זיין, אַז צו יענער צייט, פון יצחק בּער לעווינזאָן בּיז פּרצן, איז יידישקייט, דער רעאַלער אינהאַלט פון אונזער רוחניות, דערהויפּט חסידות, געווען אַ ווילדע רעאַקציאָנערע קראַפט, בּאַוואָפנט מיט קהלשן טעראָר, וואָס האָט געשטיקט און געדריקט דאָס יידישע לעבן, וואָס האָט פאַרשטופּט מיט שמות און שפּרוכן וואו אַ שפּאַרע פאַר יעדן פרייען געדאַנק, פאַר אַלץ, וואָס קומט פון דער פרעמד, און האָט געהאַט אַ קהלשן קאַנטשיק („מקל ורצועה") קעגן יעדן ווידערשפּעניגן, ער זאָל האַלטן ס׳מויל. לייענען ליליענבּלומס „חטאת נעורים", די רדיפות און פּיין, וואָס ער האָט געהאַט אויסצושטיין פאַר דעם בּיסל פריי־גייסט, קאָן מען מיינען, אַז מ׳לייענט אַ קאַפּיטל „אוריאל אַקאָסטאַ", און ס׳גלויבּט זיך קוים, אַז דאָס האָט פּאַסירט אין ליטע סך הכּל מיט אַ יאָר 50—60 צוריק. נאָך ערגער איז דאָס צוגעגאַנגען אין דער מגושם־פאַנאַטישער חסידישער אוקראַינע אַ לינעצקין און הונדערטער און טויזנטער אַנדערע, וואָס אָדער זיי זיינען שווער געשטראָפט געוואָרן פאַר זייער ערשטער ליבּע, פאַר דער השׂכּלה, אָדער זיי האָבּן זיך געמוזט אונטערגעבּן און מאַכן דעם פרומעם אָנשטעל. און דערמאָנען מיר זיך, אין וואָס איז דאָ געגאַנגען דער שטרייט, ווייניגסטנס אין אָנהויבּ! ניט פון קיין רעליגיעזער רעפאָרמאַציע, ניט פון קיין יסודות פון יידישקייט. אין ליטע איז מען צו אַפּיקורסות צוגע־גאַנגען מיט דער מאָס פון שלחן ערוך, פון מנהגים און

[15]) דאָס האָט שוין אויסגעצייכנט פאַרשטאַנען שאַצקעס און ריכטיג אָפּגעשאַצט די ראָל פון חסידות און לומדות אין יידישן לעבּן (זעה זיין ודישען פּאַר-פּסח").

חומרות, וואָס יעדער רבל האָט מתקן געווען. דאָ איז דאָס לערנען פאַר זיך, דאָס ווייקן יום ולילה אין ש״ס און פוסקים, אָהן אַ ציל, אָהן אַ צוועק, געווען דער העכסטער רעליגיעזער־ און לעבנסגעזעץ. דאָ איז טרף געווען ניט אַליין „חכמות־חצוניות“, דאָס הייסט יעדער מענשליך וויסן, נאָר אַפילו אַלטע יידישע הקירה־ספרים, וואָרום בטול־תורה איז דאָך דאָס שוין געווים געווען; דער „מורה־נבוכים“ איז דאָ געווען אַזוי ווייט, אַזוי ווי אַ רוסישע גראַמאַטיק; און דאָס גאַנצע ביסל „פּריוגייסט“, וואָס מ׳וויל געפינען באַ אַ ווילנער גאון, איז, וואָס ער האָט געלאָזט אַרויסגעבן אויף העברעאיש עווקלידס געאָמעטריע! די חסידישע אוקראַינע איז געשטאַנען אויפן שבחי בעש״ט; זופן זוהר, אָהן דעם מינדסטן פאַרשטאַנד, איז פאַר זיך געווען אַ זיכערע סגולה אויף פרומקייט און אויף עולם הבא; דאָ האָט מען געווייקט אין די מקואות, גע׳אַכט פון ליטווישער תורה און געקלעפּט אין „גוטע יידן“. דאָ איז שוין אַפילו „פּסוק“ (תנ״ך) געווען אַפּיקורסות, דקדוק האָט געגאָלטן אַזוי גוט ווי אויסגעלאַסנקייט, און פאַר אַ פּאָר לשון־קדש־גראַמען, וואָס מ׳האָט געפּאַקט באַ אַ יונגען מאַן, האָט מען אַזאַ איינעם אָפּגעגט אָדער גאָר אָפּגעגעבן פאַר אַ רעקרוט.

נאָך שפּעט אין 19־טן יאָרהונדערט איז באַ אונז געווען די שטיקנדסטע לופט, וואָס איז ווען עס איז באַוואוסט פון שטאָק־מיטלאַלטער. פאַרהייליגט, ניט אָנצורירן, איז געווען ניט אַליין תורה, זוהר, מנהגים, נאָר די ווילדסטע איינרייידענישן און גלויבענישן אויך, די קאַפּאָטע און דאָס שטריימל, דער נאָרער וויסטער פרום־בעל־הבתישער עטיקעט. זינד און פאַרברעך איז דאָ געווען ניט אַליין וויסן,

פּרעמדע שפּראַכן און זיטן, אָפּט העבּרעאישע מליצה, נאָר אַפּילו אַ קורצער ראָק, אַ געפּרעסטער קאָלנער; און ניט־גלויבן אין רוחות און אין טאָטער האָט שוין געשמעקט מיט אַפּיקורסות. אויף דעם אַלעמען איז געווען די שאַרפסטע השגחה. וואָס פאַר אַ פרייהייט פאַר פּערזענליכקייט האָט דאָ געקאָנט זיין, וואָס פאַר אַ טאָלעראַנץ, אַז פאַר אַ ווייבלס אייגענע האָר און פאַרן ליטווישן לערערס מליצה־ספרימלאַך פאַלן קליינע קינדער, ווי שטרוי, און גאָט שטראָפט די ערדה מיט מגפות און גזרות! יעדעס וואָרט, יעדער טריט פונם יחיד איז דאָ שטרייננג קאָנטראָלירט געוואָרן. דערויף זיינען געווען יראים ושלמים, וואָס האָבן בתמימות געפּיטערט און געהיט נשמות, און נאָך מער צבועקעס, גאָטססטראַפּטשעס, וואָס האָבן דערמיט געשעפט געטריבן. און די שאַרפסטע חרמות און רדיפות זיינען געווען פאַר דעם, וואָס האָט געוואַגט איבערצוטרעטן דעם גבול, אַפּילו אַן אייגענעם געראַנק האָבן! קורץ, מיר האָבן געהאַט אַ היימישע אינקוויזיציע מיט אַלע פּליטערלאַך.

שווער און געשטרויכלט איז דאָ געווען דער וועג פאַר דער יידישער ליטעראַטור, וואָרום מיט יעדן קריטיש וואָרט, מיט יעדן פּיק איז אָנגערירט געוואָרן ניט אַליין פּריווילעגיעס פון לומדים און חסידים, נאָר אויך אַ הייליגקייט פון אַ פינסטערער מאַסע, אויף אַ שפּראַך, וואָס זי האָט פאַרשטאַנען. אויף „אַ תעורה־בישראל“, וואו מ׳האָט געוויזן, אַז מ׳מעג און מ׳דאַרף לערנען און קענען לשון־קודש און דקדוק, פרעמדע שפּראַכן און ניצליכע וויסנשאַפטן, האָט מען נאָך געקאָנט קריגן אַ הסכמה פון אַ ליטווישן רב, וואָרום די שטילע קרעמעניצער טויב האָט נאָך דאָ געהאַלטן שטייגער, האָט נאָך געהאַט איין וועג, איין

שפּראַך מיטן רבֿ: פּסוקים און מדרשים און מימרות. דאָ איז ניט אָנגערירט געוואָרן קיין איין יסוד, און אַלץ האָט דאָ אויסגעזעהן אַזוי יידישליך: אדרבא, „חכמה" איז גאָר די גלייכסטע פאָר צו תּורה און אַ מעלה צו יידישקייט. ניט אַזוי אָבער איז דאָס צוגעגאַנגען מיט דעם זעלבנס „הפקר־וועלט", וואָס האָט שוין גערעדט אויפן שבחי בעש"ט, אויף רביים, וואָס „קוקן אין הימל אַריין" און אויף „זייערע פליאַסקעס", וואָס „דרימלען זיי איין אַ קינד אין בויך". ניט צופעליג איז אפשר דאָס דאָזיגע אויסגעצייכנטע ווערק, וואָס איז שוין באַקאַנט געווען אין מאַנוסקריפּט נאָך די דרייסיגער יאָרן, געבליבן אומגעדרוקט באַם מחבר לעבן און דערזעהן די ליכטיגע שיין ערשט אין שלום־עליכמס „פאָלקס־ביבליאָטעק" (1888). וואָס זשע איז שוין צו ריידן פון אַ קבלת־פּנים, וואָס איז ניט שווער געווען פאָראויסצוזעהן פאַר אַקסענפעלדס „שטערנטיכעל" אָדער פאַר לי־נעצקים „פּויליש יונגעל"!

גרינגער איז דאָס צוגעגאַנגען מיט ליטווישער תּורה־יידישקייט. דאָ איז קהלשע תּקיפות ניט געווען אַזוי פאַר־ריסן, דאָ האָט שוין די השכלה־באַוועגונג פון ליליענטאַלס תּקופה אָן אָפּגעטאָן אַ גרויסע שטיק אַרבעט! דערהויפּט אָבער דאָ האָט אין יידישקייט און אין דער סביבה גע־שטעקט אַ סך חקירה און קנאַפּ טעמפּעראַמענט, און אייזיק מאיר דיק, אַ ייד מיט אַ הויכן שטערן און מיט אַ קאַל־טער לונג און לעבער, האָט געקאָנט קגעלן מיט זיינע ליט־וואַקעס שטיל און געלאַסן וועגן „ריינער" און פאַנאַטישער יידישקייט, וועגן לערנען וויסנשאַפטן און שפּראַכן, וועגן קינדער־דערציהונג און וועלטליכן תּכלית, מיט אַ משל און מיט אַ פּסוק, מיט אַ מעשה און אַ מוסר־השכל, ביסלעכוויז

אונטערשווייגקען דעם פּרומפּאַנאַטישן יידישליכן שטייגער און אַרויספירן דעם בעל־מוח אויף אַ נייעם וועג צו היינט־וועלטיגער בילדונג און תכלית. מיט מער ברען האָט דאָס געטאָן שאַצקעס (שוין מיט אַ פאַרשפּעטיגונג) אין „יודישען פאַר־פסח“, און ניט אַזוי די פּאָזיטיווע אַרבעט, דאָס מוג־טערן פאַר בילדונג, ווי די נעגאַטיווע, דאָס אָפּראַמען דעם וועג פון איבערגעשפּיצטער לומדות, מגידות און ווילדע מנהגים. די גאַנצע תוכחה, יידישע פאַרוואָרלאָזטקייט, נויט און פּיין, וואַרפט ער אויף די ראָזיגע מנהגים, און נאָך מער אויף די מנהיגים, אויף די „אייניקלעך פון דעם אַלטען מגיר, איידעמס אַ גאַנץ פּעקיל“, אויף דעם „מופלג גרול מיטן קרומען מוח, פּרושים מיט שפּיציגע קעפּלעך און פערקרימטען שכל, דעם שטאָט־מתמיד אַ חריף מיט זיבען קעפּ“, — דאָס גאַנצע פּעקל תורהניקעס, וואָס האָבן גע־נומען די מאָנאָפּאָליע אויף יידישקייט און פירן יידן אין רעכטן וועג. אויף די ראָזיגע פּרומאַקעס האָט ער אַ בייטש: צו נאָהענט זיינען זיי צום בעל־טאַקסע און צו דער קהלשער שיסל, זיי זאָל אַרן די פאָלקסנויט. פונם ראָזיגן יידן דעם לטרן, וואָס וואַרפט זיך כלומרשט אין דער ערד פאַר דער „הייליגער גמראָ“, האָבן זיי געקאָנט אויסהערן אַ קורצן און שאַרפן סך־הכל פון זייער לומדות: „שאלות־ותשובות מכח עגונות, מכח קאַלטענוואַטע בתולות, מכח דעם גר׳ס צואה, פּלפּולים של הבל, דרשות פון פאַרפוילטע מגידים, ווערע פּרושים אויף תנ״ך, אַלע יאָר אַ פרישן פּרוש אויף דער הגדה“. זעלטן ווען די ליטווישע מגידות, די אומגליק־ליכע פייהיגקייט צו פאַרשלעפּערן דעם מענשליכן געדאַנק מיט אַ פּסוק אויף יעדן וואָרט, די ספּעציעלע פיפיגקייט צו פיינינן פּסוקים, מאַכן דעם חד־גדיא פאַר יוסף הצדיק,

דעם שונרא — פֿאַרן יצר הרע, און די שרים (אין שיר־השירים) פֿאַר תּורה שבעל־פּה, זעלטן ווען די דאָזיגע מגידות האָט געכאַפּט אַזאַ קלאַפּ, אַזוי צו שפּאָט און געלעכטער געוואָרן, ווי אין מויל בּאַ דעם יידישן שרייבּער, וואָס האָט אַליין גערעדט מיט פּסוקים און געשטרעבּט אַראָפּצופירן יידן פונם דרך הישר מיט אייזערנע ראיות פֿון דער תּורה און פֿון לומדישע אַווטאָריטעטן.

געפערליכער איז געווען די אַרבּעט אין דער געריכטער חסידישער מאַסע, וואָס האָט געבּרענט מיט בּאַגייסטערונג פֿאַר גוט־יידישע מופתים און מיט ווילדן פֿאַנאַטיזם קעגן יעדן קריטיש וואָרט, אַפּילו פֿון „אַנשי שלומנו", נאָר פֿון אַן אַנדער שטיבּל, ווער שמועסט שוין פֿון אַ זייטיגן. דאָ איז קיין פּשרה ניט מעגליך געווען, און קיין איבּערצייגן האָט ניט געהאָלפֿן. און דאָרט, וואו לאָגיק שטייט נישט צו, איז חוזק און געלעכטער דאָס זיכערסטע געווער. אויף דער גוט־יידישער עבודה־זרה, אויף דעם מגושמדיגן פֿאַנאַטיזם האָט זיך דאָ די יידישע ליטעראַטור אַרויפגעוואָרפן מיט דער שאַרפסטער סאַטירע, מיט דעם בּייסנדיגסטן געשפּעט, אָפּט אַזוי מגושם, ווי דער פֿאַנאַטיזם גופא, וואָס זאָל בּאַם פֿאָלק אין די אויגן אַראָפּרייסן פונם געץ די מאַסקע הייליגקייט, בּלינדע זאָלן אָנטאַפּן, אַז זיי דינען צו בּעק און שווינדלער, ניט צו קיין הימל־מענטשן. דאָס חסידות אין דער מגושמדיגסטער פֿאָרם, אין דינען "גוטע־יידן", דאָס איז אַ מין ערן־טעמע, אַן עקזאַמען פֿאַר יעדן עלטערן יידישן שרייבּער (חוץ מענדעלין), און כּמעט אַלע אין איין טאָן. דאָ איז שוין געזאָגט געווען, אַז דער קרעמעניצער משכּילישער רבּי האָט אין זיין „הפקר־וועלט" דער ערשטער אַ בּיס געטאָן דאָס „גוט־יידישקייט", אין אַ

געוויסער מאָס געשטעלט דעם טאָן. מיט אַ שטילער איראָניע רעדט ער פון די הימל־מענשן (רביים), וואָס „פון דער ביטערער פרנסה־וועגן מוז מען קענען אַ מופתל אויך באַווייזען", וואָס „אַפילו נגונים׳ליך דערלאַנגט מען זיי אַראָפּ פון דעם הימעל". שאַרפער דערמאָנט ער, אַז „אַ פעקילמאַכער (קאָנטראַבאַנדיסט) איז ביי די רביים דאָס אויבערשטע פון דעם שטייסיל", און מיט פאַרביטערונג ווערט גערעדט פון די „פלעסקערס די חסידים", וואָס „טרינקען בראָנפין, טאַנצען ביים רבין" און זיינען קאַפּאַבל „מאַכן אַ בלבול", אָדער גאָר „אַ קרימינאַל" אויף אַ בעל־דרשן, אַ מוכיח. אין דעם זעלבן וועג: אַראָפּרייסן די מאַסקע, אויפדעקן דעם שווינדל, זיינען געגאַנגען אַקסענפעלד און גאָטלאָבער, אליקום צונזער און וועלוול זבאַרזשער און אַלע אַנדערע ביז פרצן. און אַפילו דער ציכטיג־אָפּגעהיטער צווייפעל, וואָס האָט שוין פריה צו זיין צייט באַוויזן טיפער און פיינער באַנעמען דעם קערן פון חסידות (אין זיין „שלום־על־ישראל"), אין געוויסן זין פרצס אַ פאָרגייער אין דעם פרט, אַפילו ער וויסט אַ פיק צו טון די גוט־יידישקייט [16].

דעם העכסטן טאָן האָט די ראָזיגע סאַטיריש־אויפּרייסערישע ליטעראַטור דערלאַנגט באַ לינעצקין. „דאָס פויליש יונגעל" איז ניט סתם דער שאַרפסטער פאַמפלעט, וואָס איז ווען עס איז געשריבן געוואָרן קעגן חסידית, דאָס איז אַ באָמבע, וואָס נאָר אַן אינעווייניגסטער שונא האָט געוואוסט אַזוי צו טרעפן. מיט אַ האַס פון אַ מענשן, וואָס איז אַליין אַזוי פיל אויסגעשטאַנען פון דער חסידישער אינקוויזיציע, מיט אַ באַגייסטערונג פון איינעם, וואָס ס׳האָבן

[16] „די קליינע וועלט אָדער אַהער און אַהין", סטראָפע 5, „פאָלקס ביבליאָטעק", I., ז. 50.

זיך אים די אויגן געעפנט אויף אַ פּאַרפּעסטעטן קוואַל, וואָס האָט אים גופא געהאַט פאַרסמט און פאַרדאָרבן אַ גאַנץ פאָלק, מיט אַ טעמפּעראַמענט פון אַ צעפלאַמטער פאַנטאַזיע און אַ גיפטיגער פען, קורץ, מיט אַ ריין־חסידישן ברען איז דאָ אַנטפּלעקט געוואָרן דאָס געמיינסטע און נידעריגסטע, וואָס האָט געשווינדלט און געגריבלט אין דער קליינשטעטלדיגער חסידישער קאַלוזשע. און געטאָן איז דאָס געוואָרן אין אַזאַ מגושמדיגן טאָן, וואָס האָט אַמשטאַרקסטן באַדאַרפט אויפרייצן און אויסנעמען בײַ אַ מגושם־פאַנאַטישער מאַסע. חסידישער שטייגער—דאָס איז אַ גרויסע גוט־פאַרצווייגטע שווינדלער־באַנדע מיט אַ „רבין" אויבן אָן מאַטעריעל צו עקספּלואַטירן דאָס דערשלאָגענע, אומוויסנדיגע פאָלק און גייסטיג צו האַלטן דאָס אין פינסטערניש און אונטערטעניגקייט. ניט קיין תורה, ניט קיין פרומקייט, ניט קיין פאָלקס־לייד, ניט קיין עולם־הבא, ניט קיין קלוגשאַפט, ניט קיין יחוס אַפילו, נאָר עם־הארצות און פאַרדאָרבנקייט, אַ גזלניש האַרץ און אַפּעטיטן פון בלוטצאַפּערס, צוזאַמען מיט נאַרישקייט און ווילדער פאַרחושטקייט האָבן געשלאָסן אַ בונד צו פירן אַן עדה יידן אין דער טשערעדע מיט אַ מאַסקע פון פרומקייט און מופתים און שערן די דערשראָקענע לעמעלאַך, אַליין צו לעבן אַ גוטן טאָג, זיך נאָכגעבן די גראָבסטע תאוות, און פאַרמאַכן דאָס מויל יעדן קעגנער, יעדן מענטשן מיט אַן אָפן אויג, מיט דעם געמיינסטן טעראָר, וואָס גיט נאָר צווישן פּראָפעסיאָנעלע פאַרברעכער.

טריט בײַ טריט גייט ער נאָך דעם לעבן פונם חסידישן יידן פונם וויג ביז דער גרוב: די ווילדע דערציהונג, דעם וויסטן חדר, דעם הקדש — די שטוב, אַלטפרענקישע זיטן און

מנהגים, שמחות און צרות, די צעיושעטע קלויז, די יונגע־לייטלאַך מיטן שכּורן תּקון און מקואות, די גבּאישע לייבּ־גוואַרדיע מיטן „גוטן יידן" אַליין, דעם „טיש" מיט דער שווינדל־תּורה, פּדיונות און מופתים, די פאַרדאָרבנקייט פון דער גוט־יידישער שטוב און סביבה—דעם גאַנצן וועג פון דער חסידישער לעבנס־סיסטעם. דאָס אַלץ זאָל באַווייזן, אַז חסידות — דאָס איז די פּיאַווקע, וואָס זויגט אויס אַלע לעבעדיגע זאַפטן באַם פאָלק, וואָס האָט פאַרוואַנדלט די גרויסע מאַסע אין אַ מחנה וויסטע קאַליקעס און בעטלער, געפירט פון אַ באַנדע צבועקעס און בלוטזויגער, הינטער־שטעליג קעגן דער וועלט, פאַרהאַסט אין לאַנד, צו שאַנד און צו שפּאָט באַ אַלעמען אין די אויגן.

וויפיל דאָ אין „פּוילישען יונגעל" אָדער אין אַ גאָט־לאָבערס „גלגול" און דאָסגלייכן זאָל ניט זיין איבּערגע־טריבּן, פאַרשריגן, חוזק און צו להכעיס, שטעקט דאָ דאָך אַ סך באַאָבאַכטונג, קערנדיגקייט, וואָס פאַרבינדט דאָס מיט אַ רעאַלער יידישער וועלט. און נאָך מער איז דאָ האַרצוויי פאַר אַ וויסטן יידישן רוחניות־שטייגער, האַס צו בלינדע פירער און פאַרפירער און אַ באַגייסטערונג פאַר אַ פרייער אַ ליכטיגער וועלט, פאַר אַן אידעאַלן אויפגעקלערטן מענשן־כּלל. דער פאַרצווייפלטער האַרטער קאַמף פון דער עלטע־רער יידישער ליטעראַטור קעגן חסידות האָט ריכטיג גע־צילט. ער האָט געטראָפן ניט נאָר זיכערער פאַר מתנגדישע חרמס און רדיפות, נאָר פאַר דער גאָרער מליצהדיגער השכּלה־ליטעראַטור אויך, און אַ סך ווייטער, איידער ער האָט זיך אַליין געריכט: דאָ איז ניט געווען אַזוי גרויס די מליצהדיגע הכנעה פאַר דער „געלייטערטער תּורה", צו־זאַמען מיט דער חסידישער עבודה־זרה איז דאָ ממילא אונ־

טערגעשווינקט געוואָרן די אַוטאָריטאַרע אמונה, און ספּעציעל די אײנגטימליך־ייִדישע רעאַלע גלויבנסאַרט, וואָס האָט געמאַכט פֿון יראַת־שמים — אַ לעבנסשטייגער, פֿון נעגל אָפּגיסן ביז קריאת־שמע לייענען, פֿון פֿרומקייט — מאָראַל, פֿון שלחן־ערוך — אַ פֿאָלקסבונד, קורץ, וואָס האָט געמאַכט פֿון תּורת־משה — ייִדישקייט. די דאָזיגע ייִדישקייט איז געוואָרן אויס מיט פֿאַרן יונגען דור, וואָס האָט זיך געהאַלטן טיף באַהעפֿט מיטן כּלל, האָט שוין אָבער געפֿילט און געדיינקט מענשליך. דער פּרט האָט געוואונען זיין אינדיווידועלע פֿרייהייט, געבליבן דערביי געטריי דעם כּלל. דעם כּללס רעליגיעזער קאָנטראָל איז געבראָכן געוואָרן, און ס׳איז שוין געווען דעם פּרטס זאַך שטעלן זיך צוועקן און זוכן זיך וועגן, געפֿינען אַ פֿאַרענטפֿער פֿאַר זיין לעבן און שטערבן.

V

דער אָנהויב פֿון סאָציאַלן קאַמף

אויבן־אויף האָט די פֿרומע ערה געקאָנט מאַכן דעם איינדרוק פֿון איין סאָציאַל געוועב. ייִדישקייט, אמונה, וואָס איז געוואָרן אַ לעבנסשטייגער און אַ לעבנסצוועק, האָט ווי פֿאַרדעקט אינעווייניגסטע סאָציאַלע סתּירות און גרופּן־אינטערעסן. דער אויסערער יאָך, רדיפֿות און אומבאַהאָלפֿנקייט, האָט נאָך מער באַהעפֿט דעם כּלל, געמאַכט פֿון אַחדות — אַ קמיע, אַ פּאַנצער קעגן ייִדישע צרות און גזירות. באמת איז דאָס ייִדישע לעבן שוין יענע צייטן געווען גאָר ווייט פֿון שלום ושלוה: די עלעמענטאַרע סתּירה צווישן אָרים און רייך איז דאָ געווען ניט לינדער, ווי בײַ יעדן

אַנדערן פֿאָלק. די גרויסע אָרימע מאַסע אַרבעטסלייט, מעק־
לער, ווינטמענשן און סתּם אָרימע לייט האָט געהאַט אויף
זיך דעם עקאָנאָמישן יאָך פֿונם „ברויטגעבער“, פֿונם גביר,
פֿונם פּראָצענטניק, און אַ טאָפּלטן דרוק פֿון דער רעאַקציע
אין לאַנד און היימישן קהל. אין קהל, אין דער אָליגאַר־
כיע פֿון „שיינע יידן“, וואָס האָט נאָך ביז מיטן 19־טן
יאָרהונדערט שטאַרק געשמעקט מיט „אוטשאַסטאָק“ און
האָט נאָך נאָכדעם אויך ניט אָנגעוואָרן ציין און נעגל, אין
קהל האָט די באַנדע שטאָט־בעלי־טובות געהאַט אַ בייטש און
אַ צוים קעגן דעם געמיינעם מאַן, וואָס האָט זיך געוואָלט
אַרויסהעלפֿן פֿון אָרימקייט און געפֿאַלנקייט, אַ געווער קעגן
יעדער רעפֿאָרם אין יידישן לעבן (בילדונג, מלאָכה, ערד־
אַרבעט). דאָ האָט געשוויבלט און געגריבלט מיט בעלי־
טאַקסעס, רעפּוטאַטן, זבאָרשטשיקעס, נאמנים, גבאים,
תּקיפֿים, מוסרים און גלאַט שיינע יידן, וואָס האָבן געמאָלקן
די קהלשע קו און האָבן געמאַכט מיט יידישקייט אַ גוט
געשעפֿט. די טאַקסע, די ליכטפּאַכט, ראַסקלאַדקעס, רעקרוטן
און אַנדערע אָנשיקענישן איז געווען אַ זיכער מיטל אויס־
צופּאָמפּן דעם לעצטן גראָשן פֿונם אָרימאַנס קעשענע
און דעם לעצטן פֿונק זעלבשטענדיגקייט. די פֿאַר־
שימלטע יידישע צדקה האָט געזאָלט מכפּר זיין אויף דער
זינר קעגן דעם אָרימען ביטער־עקספּלואַטירטן פֿאָלק און
איז באמת געווען אַ קוואַל פֿון רעמאָראַליזאַציע פֿאַר די
נעמער און פֿאַר די טוער. עפּעס האָט געברויזט אינעווייניג
אין פֿאָלק, ס'איז געקומען צו מחלוקותן, צו צאַנקערייען.
נאָר אין דער עקאָנאָמיש־ און פּאָליטיש־אָפּגעשטאַנענער,
שוואַך־דיפֿערענצירטער יידישער מאַסע האָט דער אינסטינק־
טיווער שטרייט קיין געזעלשאַפֿטליכן אויסדרוק, קיין נאָמען

ניט געהאַט. די יידישע ליטעראַטור האָט דאָס געגעבן: ק ה ל און ט אַ ק ס ע.

אין דעם פּרט האָט די יידישע ליטעראַטור, צווישן דער השכּלה־ליטעראַטור בכלל, דעם גרעסטן, דעם וויכטיגסטן פאַרדינסט. בעת צווישן דער מאַסע חבורים, וואָס יצחק בער לעווינזאָן, דער פאָטער פון השכּלה אין רוסלאַנד, האָט געשריבן אויף העבּרעאיש, וועט איר שווערליך געפינען עטליכע שורות וועגן די אינעווייניגסטע סאָציאַלע ווייטאָגן אין פאָלק, — איז דערמיט פול זיין „הפקר־וועלט", דאָס איינציגע ווערקל, וואָס ער האָט געשריבן אויף יידיש. די העבּרעאישע השכּלה־ליטעראַטור האָט געפּרעדיגט אין פּראָזע און אין גראַמען השכּלה, בילדונג, מאָדערנע ראַבּינער (שפּעטער האָט זי זיך געקאָנט דערוועגן ריידן וועגן רעליגיעזע רעפאָרמעס אויך); זי האָט דערמאָנט וועגן מלאָכה און ערד־אַרבּעט, בעצם איז זי אָבער געווען אַ רוחניות־ליטעראַטור, נאָר אויף אַ נייעם שטייגער. דאָ האָט מען גערעדט צום בעל־תּנ"ך, צום וואויל־לערנער; און חקירה, אַ פּרוש אויף אַ שווערן פּסוק, העבּרעאישע פילאָלאָגיע און מליצה איז דאָ אָנגענאַנגען אַ סך מער, איידער די זינדיגע ערד. די יידישע ליטעראַטור האָט אָבער גערעדט אויף אַ וואָכעדיגער שפּראַך און האָט געקאָנט אויסשטעלן נאָר אויף אַ וואָכעדיגן עולם; דאָס איז, אייגנטליך, געווען אַ ליטעראַטור פון אָרימקייט. מיר האָבן שוין געזעהן, ווי זי האָט אַרויסגעגעבן און אַנטפּלעקט דעם יידישן דלות, די יידישע טאָרבּע. זי האָט געהאַט פאַר זיך אַ מאַטעריעלע וועלט מיט מאַטעריעלע אינטערעסן, און פון דער ערשטער מינוט אָן האָט זי באַוויזן אַ שאַרפן חוש פאַר דעם אינעווייניגסטן סאָציאַלן און עקאָנאָמישן אומרעכט אין יידישן לעבן, וואָס

דאָס איז, אגב, געווען איינע פון די וויכטיגסטע סבּות פון יידישער אָרימקייט, אָפּגעשטאַנענקייט און דערשלאָגנקייט.

שוין אין „הפקר־וועלט" זעהען מיר אַ בּילד פון יידישע בּעלי־טובות, פון „פּרנס־חדשים גנבים, רוצחים", װאָס לייגן זיך נאָר, זיי זאָלן „רייך ווערן פון אָרימע לייט", פון דער בּאַנדע „סיפּאַקעס", וואָס צוזאַמען מיט נגידים בּאַרייסן זיי די דערשלאָגענע מאַסע מיט דער טאַקסע, מיט „קאַשע־געלד", מיט „אָקסין־געלד", מיט טורמע־געלד" און אַנדערע נתינות, לעבּן אַ גוטן טאָג און האַלטן דעם עולם אין דער מוראָ מיט פאַלשע שבועות, מיט מסירות, „פּאָ־סטאָיען", דערהויפּט אָבּער מיט רעקרוטן. „זינר מען נעמט רעקרוטען ציטערט נעבּיך דער געמיינער עולם דאָס מויל צו עפינען: אַ כּלל ער איז נאָר פאַרקויפט בּיים עושר ווי איין עבד כּנעני" — דאָ ווערט אויפגעדעקט די גאָרע קהלשע רציחות פון רעקרוטן־נעמען: „מען האָט נאָך ניט אַוועק־געגעבּן קיין עושרס קינד, קיין שום תּקיפס קינד... נאָר אָרימע לייטס קינדער, נעבּיך, עהרליכע בּעלי־מלאָכות קינדער, וואָס העלפען זייערע עלטערען אַרבּייטין". אומגליקליכע אָרי־מע קינדער, אַ קרבּן פון קהלס פאַרבּרעך: „איר זאָלט זעהען... ווי מען שלעפּט פּיצליך קינדערליך, ווי די חזרים, פון דער מוטערס שויס! דאָס רחמנות צובּרעכט דאָס האַרץ... ווי קען מען דאָס נאָר אויסהאַלטען, אַז מען זעהט קליינע קינדערליך בּעטען די פּאָטער און מוטער זאָלען זיי בּלינד מאַכען, אָדער עפּיס איין אַנדער מום מאַכען, כּדי זיי זאָלען פּטור ווערען פון שרעקען". דער ליטווישער אורח אין דריינעשפּרעך אין דער „הפקר־וועלט" מאַכט דאָ אַ קורצן סך־הכּל: „סרום איז נאָך אַ הונט אַנטקעגען אייער (וואָלינער) קהל מיט אייערע אָראַוואטשיקעס מיט זייערע רציחות וגנבות".

אָבער ניט פיל בעסער איז דאָס צוגעגאַנגען אין ליטע אויך מיט אירע „לומדים און חכמים". איר וועט הערן באַ שאַצ־קעסן (אין „יורישען פאַר־פסח") אַ יאָמערליד פון קרופּניק: „איין געריכט איז דאָ אין דער ליטאָ, מע רופט אים ,קרופּניק'... דאָס איז גאָלע וואַסער מיט גראָפּעך". אינם ראַזינגן קרופּניק איז פאַרקערפּערט די גאָרע יידישע אָרימ־קייט און הונגעריגוויט. און „ווילט איר אפשר קאָנען די מוטער, וואָס האָט געבוירן אונז דעם קרופּניק? דאָס איז די ארורה די טאַקסע". און איר וועט הערן ווייטער אַ ביטערע איראָניע, ווי די טאַקסע איז שוין געוואָרן באַ יידן אַ שטיק יידישקייט, כמעט אַ טראַדיציע פון „תורה שבעל־פה", און די שאַרפסטע רייד וועגן כלי־קודש, וואָס לעבן „אויפן פרעמדען חשבון" און שטיצן בלוטצאַפּערס, פּאַלקספּיינט.

דעם גרעסטן פּאַטאָס האָט דער דאָזיגער ווייגעשריי קעגן פּאָלקס־עקספּלואַטאַציע דערלאַנגט אין מענדעלים „טאַק־סע". דאָס איז אַ באַשולדיגונגס־אַקט קעגן דער גילדענער פּאַן, קעגן יידישע גבירים און יחסנים, וואָס האָבן געמאַכט יד־אחת מיט דער געמיינסטער באַנדע מוסרים, תקיפים, קהל־צאַפּעס און שטאָט־שקצים צו רויבן אין מיטן העלן טאָג די אָרימע יידישע מאַסע און הערשן איבער איר ביד רמה. צוויי וועלטן: אונטן אַ דערשלאָגענע, אָרימע מאַסע אַרבעטס־מענשן און סתם געפאַלענע, וואָס וואַגט ניט אַ מויל עפענען קעגן קהלשער עקספּלואַטאַציע און רציחות, וואָס קאָנען אין בעסטן פאַל בעטן רחמים, אַ נדבה, נאָר ניט פּראָ־טעסטירן, — און אויבן די באַנדע שטאָט בעלי־טובות, וואָס צאַפּן אויס באַ דער דאָזיגער מאַסע דעם מאַרך פון די ביינער און פאַרזאָרגן זי מיט יידישקייט, מיט רבנים, שוחטים, מנקרים, מיטן גאַנצן פעקל כלי־קודש, וואָס איז באַ

זיי פֿאַרקנעכט, וואָס איז בײַ זיי געוואָרן אַ געצייג אין די הענט קעגן דער ראָזיגער מאַסע. איר זעהט דאָ „ספּאָריק“, דעם מיוחס, דעם צעבראָכענעם יידן דעם רעדלפֿירער, וואָס לעבט פֿון עולמות־געלט, פֿון חברות־געלט און קרעכצט, נעבעך, אויף יידישע צרות און אָרימקייט, דעם „תּם“, וואָס איז איינגעגלויבט, אַז אַזוי דאַרף זיין, אַזוי האָט גאָט אַליין געהייסן און וואָס ווילן, אייגנטליך, אַפּקורסים? איר זעהט די „פּיאַווקינס“, די שינדערס, די גאַנצע כּנופיה האַווקעהינט, וואָס טוען אָפּ די גאַנצע שוואַרצע אַרבעט פֿאַר די שיינע יידן און לעקן דערפֿאַר אָפּ אַ ביינדל פֿונם פעטן קהל־טיש. איר שטוינט ממש, ווען איר לייענט אַ סצענע, ווי די „כאַליאַסטרע“ בעלי־מלאכות און אָרימע לייט רייסן זיך אַריין אין קהל־שטיבל בעטן רחמים, מ'זאָל אַראָפּנעמען דעם קהלשן אָפּצאָל פֿון ליכט, דער אַרענדאַר זאָל ניט האָבן קיין תּירוץ צו רייסן, וויפֿיל דאָס האַרץ גלוסט, און ווי עטליכע שיינע יידן צעטרייבן זיי מיט אַן אָנבייזער, אַזוי ווי אַ טשאַטע הינט מיט אַ בייטש. דאָס דראַמאַטישע אין דער דראַמע איז ניט דער קאַמף צווישן דער באַרויבטער מאַסע און דער באַנדע רויבער, נאָר דער שטילער, אינעווייניגסטער געראַנגל צווישן פֿאַרשיידענע כנופיות און אַפּעטיטן, וואָס ווילן אַרויסרייסן איינס בײַם אַנדערן דעם פעטן קהלשן ביסן. מ'רייסט זיך און מ'בייסט זיך, מ'שטעלט זיך הינטערפֿיסלאַך און מ'מאַכט אַ גנבהשן שלום, וואָרום סאָלידאַר איז מען קעגן דרויסן, קעגן דער טשערעדע קהלשע שאָף. ס'פֿעלט ניט אין דער כּנופיה דער אויפֿגעקלערטער גביר אויך („שטאַנדהאַפּט“): אינטעררעליגיעז איז די באַנדע, עפּעס אַזוי ווי אינטערנאַציאָנאַל איז אין אונזערע צייטן דער קאַפּיטאַל. בורזשואַזע עקספּלואַטאַציע איז אָבער

אַ גרויסע מרגנה יושר און דערהויפּט וועלט־בּויאונג קעגן אונזערע היימישע בּעלי־טובות און שטאָט־פאַרזאָרגער: האָט דאָך די בּורזשואַזיע געבּויט פאַבּריקן, זאָל זיין מיט פרעמדע הענט, האָט זי דאָך געטאָן עפּעס צו אָרגאַניזירן אינדוסטריע און קולטור, צו פאַרמערן מאַטעריעלע און גייסטיגע גיטער, זאָל זיין, אַז נאָר פאַר איר אייגן וואויל וועגן, בּעת קהל איז אַ פאַבּריק פון יידישקייט, און דער קאַפּיטאַל איז דאָ די דערשלאָגנקייט און פינסטערניש פון דער פאַרקנעכטער מאַסע.

אין דער „טאַקסע" האָבּן מיר פאַר זיך אַ המון, וואָס ווייסט נאָך ניט, ווי אַזוי צו ווערן זיך, האָט נאָך ניט דעם מוט אַזוינס צו טון, און קוים ווייסט ער רעכט וואָס צו פאַרלאַנגען. דער נאַאיווער אייזיק זאַאיקע, וואָס וויל אַלץ דערגיין דעם אמת, פאַרוואָס טאָר מען ניט קוילען קיין קאַפּהינער (ס'טויג ניט פאַר דער טאַקסע!), איז דאָ עלנט, ער קומט אום אין אומגלייכן קאַמף מיט דער כּנופיה שטאָט־פאַרזאָרגער, אַ „קרבּן פאַר זיין עהרליכקייט". קיינער שטיצט אים ניט. איין „שטאָט־נאַר", דער משכּיל־וועקער (דעם מחבּרס שופר), זעהט דאָ צו מיט אַן אָפן אויג די מערדערישע שפּיל און האָט דעם מוט דאָס אָפן צו זאָגן פאַר דעם געפּייניגטן עולם. ער גופא מוז אָבּער אויך אָפּ־טרעטן, אַנטלויפן פון גלופּסק, וואו פאַר אַן ערליכן מענשן איז געפערליך צו בּלייבּן. אָבּער דאָ, ווי אין אַנדערע עלטערע יידישע שריפטן, איז שוין איין זאַך זיכער דער־לאַנגט: ס'איז אויפגעדעקט די געזעלשאַפטליכע סתירה צווישן אָרים און רייך, וואָס איז געווען פאַרדעקט מיט אַ גע־ריכטן קנויל שווינדל — יידישקייט, און ס'איז אָנגעוויזן דער פיינט. די אָרימע יידישע מאַסע איז דאָ קאָנסאָלידירט געוואָרן און שאַרף אַוועקגעשטעלט קעגן

דער גביריש־כלי־קודשריגער כנופיה רעדלפירער. ס׳וואָלט געווען נאַאיוו פון יענעם דור שרייבער און פאַר יענער צייט, ווען די יידישע מאַסע איז נאָך געווען אַזוי שוואַך דיפערענצירט, מ׳זאָל אויסטיילן איין באַשטימטן סאָציאַלן שיכט, לאָמיר זאָגן דאָס אַרבעטס־פאָלק, און דאָס באַוואָפענען מיט אייגענע צוועקן און וועגן. דאָ האַלטן מיר נאָך באַ אַ פרימיטיווער סטאַדיע פאַטריאַרכאַל־רויבערשער אַרבעט, ווען גערויבט ווערט די גאַנצע עדה מיט דער הילף פון קהל און יידישקייט, וואָס בורזשואַזע עקספלואַטאַציע איז אַקעגן דעם נאָך אַ צו ווייטע און הויכע מדרגה. קעגן דעם האָט די עלטערע יידישע ליטעראַטור באַשאַפן אַ פאָלקס אידעאָלאָגיע, אַן אָנהויב פון „פאָלקיזם“, וואָס טיילט דאָ אויס די גאָרע אָרימע דערשלאָגענע מאַסע, מייסטנס אַרבעטס־מענשן פון דער ניט דיפערענצירטער סביבה, אַנטפלעקט פאַר איר אירע פיינט: קהל מיט זיינע אינסטיטוציעס, און מאַכט די מאַסע פון אַן אָביעקט פאַר קהל אַ סוביעקט פאַר זיך.

מעג דאָ אַפילו פאַרבויגן זיין די טיפערע סבה: די גאָרע עקאָנאָמישע אָרדענונג און די רעאַקציע אין לאַנד, וואָס האָט באַוואָפנט קהל מיט אַזאַ כוח קעגן פאָלק; מעג דאָ אַפילו נאַאיוו, אפשר מיט אַ פאַרשטעלטער כוגה, געקרוינט און געהויכט ווערן די רעגירונג, וואָס מיינט יידן גוטס, נאָר שלעכטע היימישע פאַסטוכער דערלאָזן ניט, — ווייסן מיר דאָך, ווי פאַמעליך, האַרט באַ דער ערד גייט צו אַ פאָלקס־דערציהונג. ספעציעל וועגן דער באַציהונג צו דער רעגירונג, דאַרף מען ניט פאַרגעסן, אַז זי, די רעגירונג, האָט די ערשטע צייט, פון אירע צוועקן וועגן, געשטיצט די פראָגרעסיווע, די אויפקלערונגס־פאַרטיי באַ יידן, איר שטרעבן

צו רעפֿאָרמירן דאָס יידישע לעבן (אוואַראָוום בֿילדונגס־רעפֿאָרם, יידישע קאָלאָניזאַציע), און מ׳דאַרף זיך אָפּן זאָגן, אַז ווען ניט די ראָזיגע שטיץ, וואָלט די אויפֿקלערונגס־אַרבעט צוגעגאַנגען אַ סך שווערער. אויף דער רעגירונג איז מקוים געוואָרן מעפּיסטאָפֿעלס וואָרט: זי האָט געמיינט שלעכטס און האָט געטאָן גוטס, די עלנטע קליינע השׂכּלה־פּאַרטיי האָט בֿכן געמוזט אַריינגעמען די רעגירונג אין חשבון אַלס אַ פּאָזיטיוון פֿאַקטאָר. יערנפֿאַלס איז דאָ אין דער עלטערער יידישער ליטעראַטור אויפֿגעוועקט געוואָרן דער עלעמענטאַרער סאָציאַלער חוש בײַ דער מאַסע, און ס׳איז אַריינגעטראָגן געווען דער עלעמענט פֿון סאָציאַלן שטרייט, וואָס באַפֿרוכפּערט און באַרייכערט יערע סאָציאַלע סבֿיבֿה. דאָס פֿאַרשלאָפֿן יידיש וועלטל איז אויפֿגעוועקט געוואָרן: אָנשטאָט פֿריהערדיגע ווילדע מחלוקת און פּעטש פֿאַר שישי און גבֿאות, פֿאַר אַ רבֿ און אַ חזן, איז די צעכאָווע קלייזלאַך געעפֿנט געוואָרן די אויגן אויף דעם גרויסן בית־מדרש, אויף די ספּאָריקס און תּמס, וואָס האָבן אויף זיי אַרויפֿגעלעגט אַ שטייער פֿאַר יידישקייט, עפּעס ווי שייכן פֿון אַראַבֿישע שבֿטים אין ווילדן מדבר. דער אויפֿגעוועקטער סאָציאַלער פֿאַרשטאַנד לאָזט זיך מער ניט פֿאַרשלעפּערן; ער בֿויערט און ענגבֿערט, בֿיז ער קומט ניט צום קלאָרן אויסדרוק. אַן אָפּקלאַנג דערפֿון איז דער קאַמף, וואָס די רוסיש־יידישע פּובֿליציסטיק האָט געפֿירט קעגן קהל. די יידישע מאַסע האָט נאָך ניט אַזוי גיך אַראָפּגעוואָרפֿן די קייטן (דערצו זיינען געווען אַ סך מניעות), אָבֿער זי איז אַרויס פֿון דער הכנעה. די שפּעטערדיגע קריטישע תּקופֿה אין יידישן פֿאָלקסלעבן, אין די 80־ער יאָרן, האָבן געטראָפֿן די

יידישע מאַסע אַ סך רייפער און גרייטער; דער בעסטער סימן, אַז די יידישע ליטעראַטור האָט געטאָן איר זאַך און אויפגעטאָן.

VI

די פּאָזיטיווע פּראָגראַם

אַ סך צעשטערונגס־אַרבעט האָט געמוזט אויפטון די עלטערע יידישע ליטעראַטור, ביז זי איז געקומען צו איר רעכטן ברען, צו איר *פּאָזיטיווער פּראָגראַם*: ניט אַזוי גרינג און גלאַט איז דאָס צוגעגאַנגען ראַמען דעם גרויסן מיסטקאַסטן, אַראָפּשאַרן פון די מוחות די בערג שימל און שטויב, וואָס האָבן זיך אָנגעקליבן הונטערטער־יאָרן־לאַנג. אין אַ סך פאַלן, און גראָד אין די ליטעראַריש־פיינערע, איז מען, אייגנטליך, געקומען צו דער דאָזיגער פּראָגראַם אומדירעקט, דורך צעשטערונג: דער וויסטער יידישער שטייגער זאָל ממילא עפענען די אויגן אויף שענערס און בעסערס. די פּאָזיטיווע פּראָגראַם פון דער עלטערער יידישער ליטעראַטור (וואָרום דאָס איז געווען אַ פּראָגראַם־ליטעראַטור!) איז די השכּלה־אידעאַלן: *בילדונג* און *פּראָדוקטיווע אַרבעט* (מלאָכה, ערד־אַרבעט). היינטיגע צייטן, ווען „געשטודירטע", און נאָך מער עקסטערנעס האָבן מיר איבערגענוג, און דאָס פאָלק רייסט זיך מיט אַ גוואַלדיגן אימפּעט צום קוואַל פון וויסן, היינטיגע צייטן איז שוין שווער צו באַגרייפן יענע גרויסע באַגייסטערונג פאַר בילדונג, און מ'קאָן זיך אַפילו פאַרגינען איראָניזירן וועגן „קליינשטעטלדיגע" משכּילים, וואָס האָבן זיך געקוויקט מיט שילערס „גלאָקקע" און געדרשעט דאָס

עפּעס ווי אַ מין פּרד״ס. אָבער יענע צייט איז דאָס ניט סתּם געווען ניי, אויפטועריש און איינשטעלעריש אין דער פרומפאַנאַטישער סביבה, וואָס האָט געהאַלטן יעדע זייטיגע קענטעניש, ניט פונם יידישן שטייגער גענומען, פאַר הפקרות און אפּיקורסות, אין בעסטן פאַל פאַר בטול תורה. דאָס איז געווען אַ רעוואָלוציע, אַ טיפע איבערקערעניש, וואָס איר באַטייט אין יידישן לעבן איז גאָר ניט איבערצושאַצן. איינער פון אונזער דור קאָן זיך מאַכן אַ באַגריף דערפון, ווען ער דערמאָנט זיך די ערשטע צייטן פון דער סאָציאַליסטישער רעוואָלוציאָנערער פּראָפּאַגאַנדע אין אַ יידישער שטאָט: די זעלבע באַגייסטערונג, די זעלבע ליכטיגקייט אין האַרצן, די זעלבע פאַרליבטקייט, ברודערשאַפט צווישן „חברים“, די זעלבע אויסבאַהאַלטעניש, די זעלבע שטעכעדיגע חשודיגע בליקן, די נייגיריגקייט, מורא און שנאה אַרום אין דער סביבה. חוץ אפשר די שטרייט־מעטאָדעס. די פאַרצייטיגע עדה האָט נאָך געהאַט גענוג היימישע שטראָפן צו דערשטיקן די משכּילישע רעוואָלוציע, כאָטש אין אַ נויטפאַל האָט מען זיך ניט געשעמט אָנקומען צום „קאָזאַק“ אויך; בלבולים האָט ניט געפעלט.

און דאָס מערקווירדיגסטע אין דעם דאָזיגן בילדונגסברען איז: איר טיפע מענשליכקייט אין דער אידייע און די ניכטערע פּאָזיטיווקייט אין דער פּראַקטיק. אין אַ סביבה, וואָס איז געווען איינגעטונקט אין איינגנס, פאַרגלויבט אין זיך און איזאָלירט פון דער גאָרער וועלט, האָבן שרייבער, מייסטנס אויך אַזוי איזאָלירט פון דער וועלט, חוץ אין בוך, גענומען הויבן און קרוינען גראָד דאָס מענשליכע, דאָס אוניווערסאַלע, אידעאַליזירן אַ ציוויליזירטע פרעמדע וועלט, רופן אַהין אין דער גרויסער וועלט אַריין,

אין דער פּרעמר, זיך אויסטון פון אייגנס און זיך צונויפ־
גיסן מיט אַ כּלל־מענשהייט. אַפילו די שפּראַך, דאָס איינ־
ציגע געווער אין זייער שטרייט, זייער אייגן שרייבעריש
געצייג, אַפילו דאָס האָבן זיי ניט געשווינט: די לאַנד־
שפּראַך, פּרעמדע שפּראַכן זאָלן ווערן אונזערע אייגענע
שפּראַכן; מ׳דאַרף ניט קיין שום מחיצה צווישן יידן און
דער וועלט, צווישן מענש און מענש. פון דאַנען, פון טיפן
אידעאַליזם און באַגייסטערונג פאַר אַן אויפגעקלערטער
פרייער וועלט, שטאַמט זייער קאַלטקייט צו דער יידישער
שפּראַך, וואָס זיי גופא האָבן געפּילט און געשליפן, צו
יידישער ליטעראַטור, וואָס זיי האָבן איר פונדאַמענט גע־
לעגט. ניט פון „קליינבירגערליכע“ השגות, ווי מ׳האָט זיך
דאָ ניט לאַנג נאָך געלאָזט דרינגען אַ מאַרקסיסטיש פּשטל.
און אין דער זעלבער צייט די ניכטערע פּאָזיטיווקייט!
ניט פון קיין „השכּלה בת־השמים“, ניט פון מליצה און
חקירה האָט זיך דאָ געהאַנדלט, נאָר פון רעאַל מענשליך
וויסן, פון נאַטורוויסן, מאַטעמאַטיק, שפּראַכן, בכלל פון
אַ וויסן, וואָס זאָל זיין דער גרונד פאַר אַ ר ע אַ ל י ס־
ט י ש ן וועלטקוק פאַר אַ מענשן, וואָס גייט באַוואוסטזיניג
און באַוואָפנט איינגעמען אַ וועלט, בויען אַ שענער, בעסער
לעבן. האָט זיך דאָ געלאָזט פילן די ווירקונג פון דער
רוסישער ליטעראַטור די 60־ער יאָרן, ווען מיר האָבן שוין
געהאַט באַ זיך אורי קאָוונער, פּיסאַרעווס אַ תּלמיד, אָדער
דאָ האָט געהאַט צו זאָגן אַן אייגענער דאָרשט נאָך רעאַל
וויסן, אַ רעאַקציע קעגן אונזער אייביגער חקירהשאַפט, —
אַלצאיינס, וויכטיג איז דער רעזולטאַט! און דער פּראַקטי־
שער רעזולטאַט איז—וואָס דאָס דאָזיגע רעאַלע וויסן האָט
אַמבעסטן געשטימט מיט דער גרונד־אידייע פון מענשליכ־

קייט, מיט דעם, וואָס האָט אונז אַמבעסטן געקאָנט אויס־היילן פון רוחניות, אויסגלייכן דעם מוח און פאַראייניגן מיט אַ וועלט. ניט אומזיסט זיינען פון יענעם דור אַרויס באַרימטע מאַטעמאַטיקער, מעדיצינער, שפּראַכפאָרשער און קנאַפּ פילאָזאָפן. אַגב איז דאָס געווען די בעסטע מעטאָדע צו ברעכן די ווילדע יידישע גדלות: פאַרן דאָקטאָר, פאַרן אינזשענער האָט דער ייד דער חקרן געמוזט דרך ארץ האָבן: מיט אַ פּסוק און מיט אַ דריי מיטן גראָבן פינגער האָט מען זייער אַרבעט ניט געקאָנט אויפטון.

אַמבעסטן האָט זיך דאָס פּאָזיטיווע, און אַגב דאָס פּראָגרעסיווע, אין זייער פּראָגראַם, באַוויזן אין זייער קוק אויפן יידישן מ אַ ט ע ר י ע ל ן מצב, אין זייער שטרעבן צו רע־פאָרמירן די יידישע פאָלקס־ווירטשאַפט. צו ניכטער און וויטזיכטיג זיינען זיי געווען, זיי זאָלן זיך לאָזן איינריידן, אַז מיט בילדונג, מיט בוך־קענטענישן לאָזט זיך אַלצדינג ענדערן אין יידישן לעבן, אַפילו דער יידישער גייסטינגער שטייגער אַליין. „יורען, נעביך,' בעדאַרפען ברויט, נישט קיין ספרים", זאָגט באַ מענדעלין דער אויפגעקלערטער מחבר פון „ווינשפינגעריל". זיי האָבן צוגעזעהן מיט אַ קלאָר אויג, ווי וויט דער אָפּגעשטאַנענער יידישער עקאָנאָמישער מצב: שיינקעריי, שמוך־קרעמעריי, ווינט־פּרנסות און נאָך מער לייריג־גייעריי ווירקט אויף דעם יידישן גייסטיגן, געזעלשאַפטליכן לעבן, אויף זייער פּאָליטישער שטעלונג אין לאַנד, און האָבן געגאַרט, יידן זאָלן האָבן ב ר ו י ט צוזאַמען מיט אַ היינטוועלטיג ביכל, מיט אַ נייעם גייסטיגן שטייגער. מיר זעהען דאָס שוין באַ יצחק בער לעווינזאָן אין „הפקר־וועלט": „וועלכער האָט רען היע אַ גרונטאָווגע פּרנסה?" — קלאָגט ער זיך, און דעריבער „איז מען זיי מבזה

בײַ אומות־העולם ערגער, װי דיא ציגײַנער". מיט דעם זעלבן מוט און אָפנקײט, װאָס מ'האָט געשטורעמט ייִדישע רוחניות, האָט מען זיך אַרױפגעװאָרפן אױף ייִדישע פּרנסות און נאָך מער אױף ייִדישער לײדיק־גײערײַ. ייִדן האָבן אפשר פון די פאַרביסנסטע שונאים ניט אױסגעהערט אַזױנע שאַרפע רייד, װי זײ איז אױסגעקומען צו הערן פון ייִדישע שרײַבער:

„גאָלד און זילבער איז אײער תּורה,
געלד איז אײער גאָטט"[17])

צו שאַנד און שפּאָט זײַנען געמאַכט געװאָרן ניט בלױז שדכנים, מלמדים, מעקלער, משולחים, ייִדן מיט כּתבים פון אַ נשרף, מיטן עלטערזײדנס חבור אונטערן אָרעם, דאָס גאַנצע פּעקל שנאָרער, װאָס דאַרן און קװאַרן זײער גאַנץ לעבן און שטאַרבן אין פרעמדע תּכריכים, נאָר ייִדישע קרעמער און געשעפט־מענשן אױך. אין אַ סביבה, װאָס איז פול געװען מיט דרך ארץ פאַר כּלי קודש, פאַר דעם אײַדלען ייִדן, דעם לײדיק־גײער, װאו דער אַריסטאָקראַט דער מלמד האָט ניט געקאָנט פועלן בײַ זיך אַ נאָמען געבן נאָך אַ פאַרשטאָרבענעם קרוב אַ בעל־מלאָכה, און אַ ייִד אַ סוחר איז געװען די בכבודיגסטע פּרנסה, אין אַזאַ סביבה, האָט מען גענומען לעסטערן ייִדישע מפונקים; האַנדל האָט מען טראַקטירט, װי אָנזעץ, װי שװינדל און באַטרוג; און געקרוינט און געהױכט איז געװאָרן דער בעל־מלאָכה, דער עם־הארץ. עפּעס איז געלעגן קודם כּל אַ מאָראַלישער פּראָטעסט, אַזױ װי אין אַ לערע טאָלסטאָיס, אין דעם פאַר־

[17]) װאָלף עהרענקראַנץ זבאַרזער: „מקל נועם", לעמבערג, 1869, ז. 157.

האַסן גרינגע שײנע פּרנסות, אַלץ, װאָס שמעקט ניט מיט אַרבעטס־שװײס, און רירנדיג איז דאָס אידעאַליזירן פאַרמאָזאָליעטע הענט. די פּראַצע, דאָס צולײגן אַ האַנט צו אַ זאַך, איז דאָ מיט אַמאָל דערהױבן צו דער הױכער מדרגה, און ערדאַרבעט, „איװאַן“, ד. ה. דאָס נידעריגסטע און געפאַלנסטע לױט יידישע השגות, איז דאָ געװאָרן אַן אידעאַל. דאָ איז דאָס, װי געזאָגט, קודם כּל אַ מאָראַלישע קאַטעגאָריע, „אַ שטיקל ברױט, װאָס איז ניט געקנײטען אױף פרעמדען שװײס“, דער „עהרליכער גראָשען“[18]. אָבער צוגלײך שטעקט דאָ אַ געזונטער עקאָנאָמישער פאַרשטאַנד. דער פּראָגרעסיװער עקאָנאָמישער פּראָצעס, װאָס קלאָר האָט ער זיך אַנטפּלעקט אין רוסלאַנד אין די 60־ער יאָרן פון 19־טן יאָרהונדערט: ס׳פאַלט דער צעפּעסטעטער אַדל, װאָס יידן אין „תּחום“ האָבן זיך געדרײט אַרום אים, אױס נאַטורעלע װירטשאַפט, ס׳װאַקסט די אינדוסטריע אין לאַנד, דער דאָזיגער פּראָצעס האָט געמוזט ברײנגען דערצו, אַז אַלטע יידישע פּרנסות זאָלן פאַלן, און אַ גרױסער טײל בעל־הביתישער גראַד זאָל מוזן אָנקומען צו אַרבעט. די עלטערע יידישע ליטעראַטור האָט מיט אירע נײע באַגריפן װעגן אַרבעט סאַנקציאָנירט, באַגריסט דעם דאָזיגן איבערגאַנגנס־פּראָצעס אינעװײניג, און דערמיט אים אין אַ געװיסער מאָס פסיכאָלאָגיש פאַרגרינגערט. אין דער זעלבער צײט האָט זי געהױבן דעם אַרבעטס־מענשן, מיט אַן אינסטינקטיװן חוש, אַז ער, דער עם־הארץ און נחות דרגא, איז פײהיג צו הױבן דאָס גאָרע פאָלקס־לעבן, װאָרום ער פאַרמאָגט נאָך אַביסל מוסקול. און בלוט און איז ניט אַזױ פאַרדבקהט, ער איז

---

18) שאַצקעס: „דער יודישער פאַר־פּסח“.

נאָך פייהיג צו לערנען זיך, און פון דעם נייעם לעבנסוועג קאָן ער נאָר געווינען, אָנצוּווערן האָט ער ניט וואָס.

מלאכה, אַרבעט — דאָס איז געווען די פּראָזע, און ערד־אַרבעט, „די סאָכע“ — דאָס איז געווען די פּאָעזיע, די ראָמאַנטיק. וואָרום אַביסל פאַנטאַזיע און חלום האָט מען באַדאַרפט פאַרמאָגן צו וועלן מאַכן פון יידן — דאָרפישע פּויערים אין לעווינזאָנס צייטן און שפּעטער אויך, באַ דער יידישער פאַרפרעמדקייט צו ערד און צו אַרבעט און באַ די אויסנוייניגסטע מניעות: באַ דער ליבער רוסישער רעגירונג! דאָס איז געווען דער וועג, וואָס זאָל פירן צום ווייטסטן צוועק: איבערבויען דאָס גאָרע יידישע לעבן. אויף „נאָרמאַלע“ יסודות וואָלט געזאָגט אין אונזערע צייטן אַ ווייט־קוקער, אַ טעריטאָריע־זוכער. אויף מ ע נ ש ־ ל י כ ע יסודות, האָבן געמיינט די עלטערע יידישע שרייבער, אַזוי ווי אַלע פעלקער אין לאַנד. וואָרום דאָס מענשליכע, דאָס כּללישע איז זיי געווען דאָס נאָהענטסטע און דאָס ליבסטע, און פּרעמד איז זיי געווען דאָס יידישליכע, דאָס „נאַציאָנאַלע“, ווי אַ סך וואָלטן היינט געזאָגט. פאַרהאַסט איז זיי געווען דאָס איזאָלירן זיך, דאָס אויסטיילן זיך, און דעריבער האָט די נאַציאָנאַלע ראָמאַנטיק, די שפּעטערדיגע חבת־ציון, די מינדסטע ראָל ניט געקאָנט שפּילן אין זייער ערד־ראָמאַנטיק. אין די ערגסטע צייטן פון יידישער פּאָליטישער דערשלאָגנקייט זיינען זיי אַרומגעגאַנגען הויך געהאַלטן דעם קאָפּ: ניט אָפּטרעטן, ניט אַנטלויפן: אונזער צייט וועט קומען! וואָרום טיף און שטאַרק איז געווען זייער גלויבן אין מענש און מענשליכקייט.

VII

אַ דור

הונדערטער יאָרן איז דאָס פאָלק געלעגן אין אַ טיפן הינערפלעט. דאָס פּויליש־שליאַכעטישע בעל־הבתּעווען האָט געמאַכט יידן פאַר מאָשקעס און איטשע־מייערס, פאַר שיינקערס און בטלנים, עקאָנאָמיש פאַרקנעכט און גייסטיג דערנידעריגט. שרעקליכע קאָזאַקישע פּאָגראָמען (גזרת ת״ח און תקכ״ח) האָבן חרוב געמאַכט הונדערטער יידישע קהלות. אונטער דער ווירקונג פון דעם שענדליכסטן, רייַך־מיטלאַלטערישן פּיין און שפּאָט האָט דאָס פאָלק זיך איינגעשרומפּן אין זיך, איינגענורעט ווי אַ קראַנק קינד, פאַרווינט זיך אין הימלזאַכן, אין מיסטישע חלומות, אויפגעפלאַמט פאַר פאַלשע משיחים, פאַר אַ שבתאי צבי, אַ יעקב פראַנק, און אויסגעלאָשן, טויט פאַר דער וועלט. איז אויפגעשטאַנען אַ דור ווי נייגעבוירן, פריש און באַגייסטערט, מיט אַן אויפגעוואַכטן לעבנסדאָרשט און מיט אַ גלויבן אין אייגענע קרעפטן, אַז ער איז באַרופן אויסלייזן דאָס פאָלק. ערשט אַ דור פריהער האָט מען זיך געקאָנט נאָר מיאש זיין אין פאָלק, און אַ ליטווישער יונגערמאַן, שלמה מיימון, דערצווינגן אַזוי ווי ריקס „חייציקל אַליין“, וואָס האָט זוכה געווען צו זעהן סאַמע דעם מעזעריטשער מגיד, איז צופוס אַנטלאָפן פונם פאַרעפּושטן ווינקל קיין בערלין, אין דער פעסטונג פון אויפגעקלערטן אַבסאָלוטיזם, און פאַרזוכט דאָרטן פונם „עץ־הדעת“ איז ער שוין צוריק צום פאָלק ניט געקומען. איצט האָט זיך דאָס אַ ריר געטאָן. באַם וויגל פונם נייעם דור איז געשטאַנען די פראַנצויזישע

רעוואָלוציע, רייטשער ראָמאַנטיזם, דאָס פּאָליטיש אויפגעוואַכטע יידנטום אין אייראָפּע, רעפאָרמעס מיט גוואַלד און אייגענע אויפקלערונג דאָרט. און דער ערשטער ריר פונם נייעם דור איז געווען: צו דער ליכטיגער שיין! צו מענשן! אינעווייניג איז שימל און קייטן, דאָרט אויסן איז זון און פרייהייט. ס'האָט זיך אָנגעהויבן אַ פיבערדיגע קריטישע אַרבעט צו צעשטערן אַלע אַלטע יסורות פונם יידישן לעבן, איבערזועהן אַלע געוויסן. דאָס איז געווען די שאַרפסטע אומברחמנותדיגע זעלבסטקריטיק, איינע פון די זעלטענע מינוטן, ווען אַ גאַנצער דור פלאַמט אויף מיט אַ העראָאיש געפיל צו מאַכן דעם חשבון הנפש, אויפרעקן די העסליכסטע וואונדן, כדי צו זוכן אַ תרופה צו זיי, ווען דאָס געוויסן ווערט אויפגעוואַכט פאַר פאַראַנטוואָרטליכקייט, און דורות און פעלקער דערזועהען פאַר זיך אַ וויטן, ליכטיגן צוועק און פילן זיך שטאַרק און גרויס אָפּצוראַמען בערג פונם וועג.

די פאַראַנטוואָרטליכקייט גופא איז דאָ מוראָדיג אויסגעוואַקסן, אַזוי ווי דאָס טרעפט זיך זעלטן, ווען מ'מאַכט זיך שולדיג, פאַרוואָס מ'איז ניט עוג מלך הבשן די הייך און מ'לעבט ניט אייביג. ס'איז אויסגעקומען צו ליקווידירן די פאַרשאָלטענע ירושה פונם פויליש־שליאַכעטישן רעזשים באַ די ערגסטע אומשטאַנדן: באַ אַ רעזשים פון קאַזאַקישן אַבסאָלוטיזם, אין אַ סביבה פון קנעכטשאַפט און ווילדקייט, אין אַ פויערים־לאַנד, וואָס האָט זיך ערשט אָנגעהויבן אַרויסמאַכן פון נאַטורעלער ווירטשאַפט, וואו דאָס ביסל קולטור האָט אָנגעשפּאַרט באַ פריצים, דער ליבעראַליזם איז געלעגן אין די וויקעלאַך. גע־

קוויקט זיך תּחלת מיט דייטשן ראָמאַנטיזם און העגעליאַני־שער פילאָזאָפיע, און דער ייִד איז געווען פרעמד און פאַראַכט. דאָס האַרץ האָט געווייטאָגט צוצוזעהן ייִדישע פּיין און דערנידערונג, די שפּלדיגע לאַגע אין דער אַרו־מיגער סביבה; און אַ גרויסער נסיון איז דאָ געווען מלמד־זכות־זיין אויפן שווערגעפּרובטן פאָלק, וואַרפן דעם גרויסן שטיין אין קאָפּ פאַר ייִדישער שאַנד די יאָגער און פּלאָגער, די, וואָס האָבן פאַרשפּאַרט דאָס דערשלאָגענע פאָלק אין דער פינסטערסטער נאַסטער קעלער־לאָך אין דער גרויסער טורמע פאַר אַלעמען. איינמאָל האָט זיך אַזאַ געשריי אַרויסגעריסן, און מיר האָבן דערהערט דעם צאָרנ־דיגסטן פּראָטעסט קעגן דעם וועלטאומרעכט, וואָס ווערט באַגאַנגען קעגן ייִדישן פאָלק („די קליאַטשע"), אָבער שטענדיג און אַלע מאָל און באַ יעדער געלעגנהייט האָט מען ייִדישן בזיון און פּיין געוועגדעט קעגן ייִדן גופא. מיר אַליין זיינען די שולדיגע, מער קיינער! און אונזער גרעסטע זינד איז, וואָס מיר האָבן זיך אויסגעטיילט פון אַ וועלט, אַרויסגענומען זיך פונם מענשישן כּלל, פאַרוויגט זיך אין וויסטע, ווילדע חלומות. מ'האָט גענומען צע־שטערן דעם אַלטן בנין ייִדישקייט, וואָס האָט פאַר אונז אַ וועלט פאַרשטעלט. מיט אַ וואונדערליכער זעלבסאָפּפּע־רונג האָבן די ראָזיגע איבערגעגעבנסטע פאָלקסמענשן זיך נוקם געווען אין אייגן פאָלק, מיט גיפט און גאַל באַשפּיגן דאָס גאָרע ייִדישע לעבן, אונטערגעריסן אַלע אָנגענומענע יסודות פונם פאָלקסלעבן. מיר האָבן שוין געזעהן, ווי אַזוי זיי האָבן דאָס געטאָן.

צי איז ניט געווען אין ייִדישן לעבן אַזוינס, וואָס האָט פאַרדינט געשעצט און געשוינט צו ווערן? געוויס!

ס'וועט נאָך קומען אַ צייט, ווען דער אויסגעשפּילטער שטרייט וועט שטילן דעם צאָרן, און זיי, די פאַרביסענע לעסטערער, וועלן דערזעהן אין דער קאַלווישע „טהייערע גאָלד־שפּריטצליך, אַזוינע לעכטיגע פייערפינקען, וואָס מען קריגט זיי ניט אין די גרויסע זידענריגע ימים"[19]); לינעצקי וועט מיט ליבשאַפט זיך דערמאָנען אין שכנא אופיר, אַ קוואַל מענשנליבשאַפט און רחמנות, וואָס אַליין האָט ער ניט מיט וואָס אַ טאָג איבערצוקומען און וואו אַן אומגליק טראָגט ער אַנטקעגן האַרץ און הילף; און מענרעלי וועט מיט באַגייסטערונג באַשרייבן דעם פרינץ, דעם שבתדיגן יידן, די טיפע מענשליכקייט און ערליכקייט פון שטילע לייט, וואָס קוים מ'זעהט זיי און מ'הערט זיי און זיי לעבן נאָר פון אַנדערע וועגן. דאָס אַלץ וועט קומען שפּעטער, ווען מ'וועט שוין קאָנען צוגיין צום יידישן לעבן מיט אַ רוהיג האַרץ און מיט אַן אָביעקטיוו אויג. דערווייל אָבער דאַרף מען צעשטערן, אַזוי מאָנט די צייט! און יידישע שרייבער האָבן דאָס געטאָן מיט וויסן און געוויסן, מיט טעמפּעראַמענט און טאַלענט. זיי האָבן זייער זאַך אויפגעטאָן. שפּעטער, אין דער צווייטער קריטישער תקופה, אין די 80־ער יאָרן, דער מולד פון דער גרויסער נאַציאָנאַלער און סאָציאַלער באַוועגונג, וואָס האָט נאָך אַ שליטה אויף אונזער דור, האָט די יידישע מ אַ ס ע באַ־ וויזן, אַז זי איז שוין איבערגעוואַקסן רוחניות־יידישקייט און אַלטפרענקישע בעלי־טובות, זי האָט זיך געפונען אירע פירער. ערגעץ אין פּעטערבורג זיינען געזעסן יידישע פני און כלי־קודש, שטאַרק פאַרמוחט, ווי אַזוי איבערצובעטן דעם ברוגזן פריץ, און די יידישע מאַסע האָט אין עמי־

---

[19]) י. י. לינעצקי: „דער וואָרם אין חריין", „פאָלקס־ביבליאָטעק", I., ז. 68.

גראַציע, אין נאַציאָנאַלע און סאָציאַלע אָרגאַניזאַציעס געזוכט נייע וועגן פֿאַר איר פּאָליטישער און עקאָנאָמישער באַפֿרייאונג און מענשליכער אויסלייזונג. די אַלטע קהל־פֿאַרזאָרגער זיינען ווי אָפּגעשווינקט געוואָרן צוזאַמען מיט זייערע מעטאָרעס, און יונגע סטודענטלאַך, אָהן אַ סימן אויף אַ באָרד, אָהן אַ לויט יידישקייט, נאָר מיט אַביסל מענשליך וויסן און דערציהונג און מיט אַ פֿול האַרץ מענשליכע אידעאַלן און חלומות, האָבן פֿאַר ־מען דעם אויבן אָן און געוואונען דעם צוטרוי באַם פֿאָלק.

אַ מערקווירדיג מזל פֿון אַ ליטעראַטור: זי האָט געוואָלט און געמוזט זיין מ ע ר פֿאַר ליטעראַטור! זי איז געשטאַנען פֿאַר אַ כינעזישער וואַנט, זי אַליין איז געווען טריף, ווילד און פֿרעמד, און זי האָט געוואָלט זיין דער אייזערנער ווידער, דער מויערברעכער, אַ הויבער פֿונם גאָרן יידישן לעבן. היינטיגע צייטן, ווען מיר האָבן שוין אַ פֿאַרצווייגטע פּובליציסטיק, טוט זי שוין אָפּ דעם גרעסטן טייל שוואַרצע פּראָגראַם־אַרבעט, וואָס אָפּט איז זי אַזוי ווייניג עסטעטיש, און ליטעראַטור קאָן זיך פֿאַרגינען דעם ריינעם עסטעטישן גענוס. דאָס, וואָס אונזער עלטערע ליטעראַטור האָט געטאָן מיט פּראָגראַם־מעטאָרעס, מיט סאַטירע און וועקן, דאָס טוט, אייגנטליך, אונזער מאָדערנע ליטעראַטור אויך, נאָר אויף אַן אַנדער שטייגער: ניט מיטן טייטל, נאָר מיט בילדער און עמאָציעס, אָהן אַ שום כּיון אַנטוויקלט זי אין פֿאָלק געשמאַק און ממילא פֿאַרשטאַנד פֿאַר דאָס מענשליכע און דאָס אייביגע, פֿאַרבינדט אונז מיט אַ וועלט. יענע עלטערע צייט אָבער האָט זיך ליטעראַטור ניט געקאָנט פֿאַרגינען קיין ווייסע הענטשקעס, און דער יידישער קינסטלער האָט געמוזט זיך אָפּט נעמען

פאַרן מלמדישן טייטל, וואָרום ס׳האָט נאָך פריהער געמוזט באַשאַפן ווערן אַן אַטמאָספער פאַר ליטעראַטור אין יידישן פאָלק, דאָס, וואָס מיר, צו אונזער צייט, האָבן שוין געפונען גרייט און פאַרטיג. די יידישע ליטעראַטור האָט דאָ געמוזט זיין די קינסטלעריי און די פובליציסטיק, די בימה און די ראָמאַנטיק, אַ גאַנצע קולטור אין בילדער, וואָרום דאָס איז געווען דאָס איינציגע וועלטליכע און מאָדערנע, וואָס מיר האָבן פאַרמאָגט אויף יידיש. און אויב מיר קאָנען שוין היינטיגע צייטן קומען צום תורה־פאָלק מיט אַ „מעשה־ביכל“ און געפינען דערפאַר לייענער און שעצער, — האָט דאָ די עלטערע יידישע ליטעראַטור דעם גרעסטן פאַרדינסט.

ניט קיין יידישליכע ליטעראַטור איז דאָס געווען, ווי איינינע מיינען, אָדער לאָזן זיך איינרייידן, נאָר אַן אַנטי־יידישליכע, אַ טרפהנער ביין. דאַרפן מיר דאָך געדיינקען, אַז אַפילו דעם עצם באַגריף „יידישליך“, דעם זיבעטן יידישן חן, וואָס שטעקט אין דעם, האָבן מיר צו פאַרדאַנקען ניט קיין אַנדערן, ווי מענדעלין, דעם „יידישליכסטן“ שרייבער פון יענער גרופּע. אַן „אַנטינאַציאָנאַלע“ ליטעראַטור, וואָלט געזאָגט אַ היינטיגער נאַציאָנאַליסט: זי האָט אונז פאַרהאַסט אַלצדינג, וואָס שמעקט מיט יידישס, מיט אייגנס און האָט אונז געטריבן „היטן פרעמדע וויינגערטענער“, צו פרעמדע קולטורן און שפּראַכן, זיטן און וועגן . ווייסן מיר דאָך אָבער, אַז דאָס איז געווען דער גרעסטער נאַציאָנאַלער פאַרדינסט, וואָס אַ ליטעראַטור קאָן זיך דערמיט איבערנעמען פאַר אַ פאָלק! וואָרום דער וועג צו זיך איז דעמאָלט געלעגן דורך דער פרעמד,

וואָרום אין דער פרעמד האָבן מיר באַדאַרפט אין חדר גיין, כדי צו ווערן אַ מאָדערן פאָלק, כדי צו באַקומען אַ מענטשליך אויסזעהן. באַ דער נאַציאָנאַלער פראַזע איז השכלה און השכלה־ליטעראַטור שוין לאַנג פאַרשמט פאַר אַסימילאַציע, און אַסימילאַציע איז דאָך שוין ממילא וואָס אין דער קאָרט, און שטאַרק בורזשואַז לויט אַ משכּיליש־מאַרקסיסטישן דרש. ווייסן מיר דאָך אָבער, אַז דאָס איז אונזער ר ע פ אָ ר מ אַ צ י ע געווען, די טיפסטע און די ערליכסטע, וואָס האָט אונז אויסגעלייזט פון אונזער היימישער קנעכטשאַפט און פון גלות באַ רוחניות און יידישקייט. געבענשט זאָל זי זיין די דאָזיגע אַסימילאַציע, וואָס זי האָט אונז די אויגן געעפנט, אָהן איר וואָלטן מיר דעם וועג צו זיך ניט געפונען. און ניט בלויז די צעשטערונגס־אַרבעט, נאָר די פּאָזיטיווע פּראָגראַם אויך. וואָרום דאָס וויכטיגסטע אין דער דאָזיגער פּראָגראַם איז, וואָס זי האָט ניט אָנגעוואָרן איר ווערט און באַטייט ביז היינטיגן טאָג. וואָרום ווידער זיינען מיר איבערפול געוואָרן מיט יידישקייט, נאָר שוין אין אַ נייעם „נאַציאָנאַלן“ גלגול. די נאַציאָנאַלע פראַזע ליאַרימט און פאַרטויבט די מוחות, פאַר־שלעפערט אין אונז דאָס אויפגעוואַכטע געפיל פאַר מענש און וועלט. די פראַזע שטעקט שוין אַ סך ברייטער און געריכטער איידער באַ די אָפיציעלע נאַציאָנאַלע פאָן־טרע־גערס; נישטאָ דער ווייטסטער רעוואָלוציאָנערער געדאַנק, וואָס די נאַציאָנאַלע פראַזע האָט זיך שוין צו אים ניט צוגעקלעפּט, אים פאַר אַ שולקלאַפּער באַ זיך געמאַכט. זי פאַרסמט אונז, שטאָפּט אונז ווידער מיט פאַרליבטקייט אין זיך זעלבסט, מאַכט שוין אַן אָפּגאָט פון יעדן ביסל אייגנס, פון אַ סטענגע און אַ ביכל, פון אַ קרייזל און אַ

לירל, און פאַרטויבט אין אונז דאָס קריטישע געפיל און דאָס געפיל פאַר זעלבסקריטיק. זאָל זשע אונז די „אַסי־מילאַטאָרישע“ עלטערע יידישע ליטעראַטור שטיין, ווי אַ געטרייער שומר און מאָנער, פאַרהיטן אונז פאַר פעלשן אין זיך גופא.

קיעוו, דעצעמבער 1919.